# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7 (העפט 150) — דרייצנטער יארגאנג — יולי 1952 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

## 150 נומער „לשון און לעבן"

### אינהאלט


| | | |
|---|---|---|
| 150 נומערן „לשון און לעבן" ; וועלט־פאליטיק 1952 ; די דייטשע סחורות פאר ישראל | ** | 1 |
| דער טויבער וואלונטיר (סקיצע) | יהודה ביעטש | 4 |
| פרילינג (ליד) | דר. סען | 7 |
| ווען איך זינג מיין ליבע ליד (ליד) | יוסף הלל לעוויז | 8 |
| מגדל דוד (פאעמע) | אברהם לעוו | 9 |
| אין בארפוסע טעג (ליד) | יוסף פערלשטיין | 10 |
| די חינגהמיל (מיניאטור) | ש. טענענבוים | 11 |
| א זומער־נאכט (ליד) | ש. זאלקין | 12 |
| באגינען גאלד (ליד) | דוד אפאלאט | 12 |
| די באלאדע פון א שמעטערלינג | רקודה פאטאש | 13 |
| די קאץ, דאס פייגעלע און די שטערן | לואידזשי פיראנדעללא | 14 |
| איבער קהאליקן לבנה־פעלו (לידער און סאנעטן) | א. נ. שטענצל | 19 |
| אויף דעם יום טוב ווארטן מיר | א. מ. קיזער | 23 |
| ביי מיין עמוד (גאסיצן) | ש. י. דארפזאן | 26 |
| א קול פון דזשונגל (אפקלאנגען) | אליהו פאלישאק | 30 |
| צו שטיל | א. מייזעלס | 34 |
| יצחק קרעלמאן (25־יאריקער בינע־יובל) | מאיר צעלניקער | 37 |
| פון מיין שאנבייער טאג־בוך (המשך) | י. ראפאפארט | 38 |
| 150־טער נומער „לשון און לעבן" | אייזיק גאלדבערג | 42 |
| א בריוו פון מרדכי שטריגלער | | 43 |
| א קליין בריוועלע צו אונזער ליבן משה עובד | קיטי בראון | 44 |
| על רגל אחת . . . (שטיקלעך פון גאסיצן) | ש. | 44 |
| לאנדאנער קולטור ידיעות | | 47 |
| מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס | | 48 |


**פרייז 1 שילינג און 6 פענס**

אבאנעמענט־פרייז — 19/6 פאר א יאר

אין אויסלאנד — 5 דאלאר א יאר

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

has a great demand for old jewels (for Home and Export Trade) and is in a position to give good prices for valuable Gems and jewels of every kind.

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

סוף חודש זונטאגס

**בן אורי, 14 פארטמען סטריט, וו.1.**

**זונטאג, דעם 8־טן יוני, 8 אזייגער**

**שלום אש און דאס יידישע שטעטל**

משה עובד, י. ביעטש, נעט רובין, רחל מירסקי, א. א.

**פארזיץ: א. נ. שטענצל.**

### 150 נומערן „לשון און לעבן"

מיר גרייטן צו א ספעציעלן יולי־יובל־נומער צום דערשיינען פון 150־טן נומער פון חודש־זשורנאל „לשון און לעבן".

גלייכצייטיק וועט אין יולי געפראוועט ווערן א פייערלעכער באנקעט.

פריינט, ארגאניזאציעס, שרייבער און ליבהאבער פון יידישן ווארט, וועלכע ווילן שיקן באגריסונגען, ווערן געבעטן עס צו טון באצייטנס, כדי עס זאל קאנען אריינקומען אין דער יובל־אויסגאבע.

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

TOWER HAMLETS LIBRARIES

ייִדישן זשורנאַל 150 נומערן, אַן איבעררייס מדי חודש בחדשו אַ גרויס דערלעבניש.

150 נומערן קאָן מען שוין מיט דער האַנט נישט אָוועקמאַכן, 150 נומערן גייען שוין נישט אין ניוועץ — עס איז שוין אַ סומע וואָס גייט אַריין אין פאָלקס אוצר; עס איז שוין אַ חשבון, וואָס ווערט אַריינגעטראָגן אין אָפענעם ספר הספרים — 150 נומערן זיינען שוין אַ סימפּטאָם פון אויסהאַלטן, פון לעבנס־כוח, פון ווייטער קאָנען אָנגיין, פון „מי לחיים" . . .

150 נומערן זיינען שוין אַ רופנדיקע פלאַמיקע צונג צו די, וואָס האָבן נאָך אַ פונק אינם האַרצן אַ האַנט צוצולייגן, אַ פּלייצע אונטערצושטעלן, אַז דאָס קליינע געצעלטל אונזערס, אין אָט דעם וויסטן מדבר פון ייִדישער גייסטיקייט און שעפערישקייט אין וועלכן מיר לעבן, נישט איינפאַלן צו לאָזן.

און נאָך מער: 150 נומערן פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל איז אַ יש פאַר אַ ישוב, וואָס גיט שוין קרעדיט צו ריידן אין זיין נאָמען, וואָס גיט אויך קוראַזש זיך אַרויסצורייסן פונם סדום־בעטל און זיך צו פאַרנעמען אויף אַ ברייטערן דרך — איז מיטן רעכטן פוס מיט „לשון און לעבן".

* * *

ביי גוטן ווילן, ביי אַ ריכטיקע סיסטעמאַטישקייט אוןביים אָנשטרענג פון אַלע אונזערע גייסטיקע כוחות, וואָס סוף כל סוף זיינען דאָך פאַראַנען אַזעלכע אין אַ ישוב פון איבער 400,000 ייִדן, וואָלט דען נישט אָט דער זשורנאַל געקענט לייכט אויסגעבויט ווערן צו אַן עקזיסטענץ פאַר די פאַר שרייבער וואָס מיר האָבן דאָ, און נישט אַז מיר, פאַרביטערטע און געפאַלענע ביי זיך, זאָלן זיך שוואַרצן דאָס פנים מיט טענות און חרמות און דערמיט דעם שוין געננוג שיינעם אויסזען פון נעבעכדיקן ישוב נאָך מער פאַרשוואַרצן.

דאָס איז דאָך די אויפגאַבע פון שעפערישן און גייסטיקן מענטש אויפצוהיובן דעם ניוואָ פון אַ קיבוץ, אים צו באַשיינען און נישט אים נאָך מער צו דערנידריקן און לאָזן אים פאַרזינקן עד שאול תחתיה.

אויב מיר וועלן לאַנג אָפּשטופּן און מדחה זיין מיט פוילע ווערטער און קרומע האַנדלונגען, וועלן מיר שוין פון אונזער שלים־מזל נישט אַרויסקומען... אָבער כל־זמן עס איז נאָך פאַראַנען עפּעס, קאָן מזל־ברכה צוריק אַריינקומען! דער זשורנאַל איז אַרויסגעוואַקסן פון אַ נאַקעט לידער־העפטל פון קוים 8 זייטלעך, און איז געוואָרן די פּלאַטפאָרם פון די לאַנדאַנער ייִדישע שרייבער, און נישט ווייניקע ייִדישע שרייבער מעבר לים טוליען זיך צו אים. און עס וואָלט געווען אַ גרויסער שאָד, ווען עס וואָלט געמוזט ווערן פוחת והולך, אַז ער זאָל מוזן ווערן פון חודש צו חודש אַלץ קלענער. אַ סך צוגעשיקט מאַטעריאַל צום דרוקן מוז לײדער בלייבן נישט אויסגעזעצט, ווייל עס איז נישט פאַראַנען געננוג פלאַץ אַלץ צו דרוקן.

דאָס לעצטע דאָ געזאָגטע זאָל זיין אַן ענטשולדיקונג פאַר די לייענער, וואָס „לשון און לעבן" ווערט די לעצטע חדשים אַלץ מאָגערער, אָבער אויך פאַר די מיטאַרבעטער, וואָס זייערע צוגעשיקטע זאַכן מוזן אָפּגעלייגט ווערן.



## וועלט־פּאָליטיק 1952

(צום צוויי־יאָריקן יאָרצייט פון די קאָרעא קאַמפן)

אפנים צווישן זיך אַדורכגעקומען,
וואַנקע דער וויי־חכם מיטן אַנקל סעם,
לאָזן די „געלע ראַסע" אויסבלוטיקן,
און אַרויס אַזוי פונם אייגענעם קלעם.

אין צפון קוילען די אַמעריקאַנער,
און אין דרום וואַרפט באָמבעס דער באָלשעוויק;
אַן אומשולדיק פאָלק לאָזן אָפּגיין אין בלוט,
דאָס מיינט, ניינצן־צוויי־און־פופציק־פּאָליטיק!

אַז ווי לאַנג נאָך קאָן מען אָפּנאַרן אַ וועלט —
ע:ז איז שוין דאָרט דער ריכטיקער פּאַראַלעל!
כדי בײדעס פאַרדאַרבנקייט צוצודעקן,
מאַכט מען דערווייל פון אַן אָרעם פאָלק אַ תל.

אַ שטרוי פופע די כוחות אויסצופּרוּוון,
און פון „לינקס" און פון „רעכטס" אַ פּלעם נאָך אַ פּלעם!
קאַטשעט זיך אין וואָדקאַ, וואַנקע שכור,
אין זיסן וויסקי דער בלאָפערישער סעם.

נ.ב.—
מ׳וואַלגערט זיך אָבער אַזוי לאַנג אין בלאָטע,
מען זינגט און מען זידלט, מען זינקט און מ׳ברעכט,
און כאַפּנדיק זיך צו די שאַרפע מעסערס —
איינס ס׳אַנדערע גאָר ווי אַ חזיר דערשטעכט...

## די דייטשע סחורות פאַר ישראל

פון יעטווידן גליאיק קרעמאַטאָריום
אַ טוץ רעפרידזשערייטאָרס זיי וועלן שיקן,
פאַר די פּקידים, פאַר די הויך־ראַנגיקע,
און פאַר די עלטסטע פון די ותיקים.

פאַר די עולים, פאַר די „שמוציקע יודן",
שטיקלעך שמעק־זייף פון יענע פעטסטע סאָרטן,
און שיפן פולע מיט אַש, גאַנצע פּלאַטן,
צו באַמיסטיקן דעם יער־קדושים גאָרטן.

אויסאַרבעטונג פון עלזע קאָכס פאַבריקאַט
נר־תמיד לאָמפּיאָנס דאָרטן אָנצוצינדן,
און די כתבי־קודש, נייע פאַרקריצטע,
אין די הויטן, גאָלד־געלייגט, איינצובינדן.

יהודה ביעטש

# דער טויבער וואָלונטיר

באַלד נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה אין יאָר 1939 זיינען טייל יונגעלייט אַריינגעטרעטן אין דער אַרמיי פרייוויליק, טייל אין דער פלאָטע און טייל אין דער ר.אַ.פ.; חוץ מזה, זיינען אַ סך אַריינגעטרעטן אין דער בריגאַדע פון פייערלעשער.

געקומען זיינען די יונגעלייט פון פאַרשידענע געגנטן, פאַכן און פון די אַ לערליי פרייע פּראָפעסיעס. די שטאָט לאָנדאָן איז געוואָרן אַ גיגאַנטישע פעסטונג, ווו יוגנטלעכע ענערגיע האָט געשטראָמט.

מאָריס שטערן איז שוין דאַמאָלט אַלט געווען אַ יאָר דרייסיק ווען ר'האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דער בריגאַדע פון די פייערלעשער אין דער סיטי אַלס שאָפער. נאָך פון דער פריסטער יוגנט אָן איז ער געווען געניט מיט מאָטאָרן און מאַשינען, מחמת ס'איז ביי זיינע עלטערן תמיד געווען אַ קאַר (אויטאָ), וואָס ער האָט אָפט באַנוצט אָפצופירן באַשטעלונגען אין זייער שפּייז־קראָם. אָבער צוליב אַן אומגליק, רחמנא ליצלן, ווען ר'איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל, איז ביי אים פאַרבליבן אַ מאָדנע טבע — אויפגעציטערט צו ווערן פון יעדער קלייני־קייט. דערביי פלעגט ער זיך אַזוי פאַרלירן, אַז ס'האָט אויסגעזען ווי די ערד גליטשט זיך אים פון אונטער זיינע פיס אַוועק. דערצו האָט ער געליטן פון ספּאַזמען, פון וועלכע ער פלעגט נאָך דעם אַרומגיין ווי אין אַ טשאַד.

די יונגעלייט פון דעם פייערלעשער־הויז, ווו מאָריס האָט איצט געדינט, האָבן באַ קיין אופן נישט געקענט פאַרשטיין אים. דאַכט זיך נאָרמאַל, ווי יעדער אַנדערער, אַ געניטער שאָפער, קען זיך אומגיין מיט דער מאַשין, האַלט אויך תמיד שטאַרק פון דיסציפּלין, דאָך טוט ער טיילמאָל פונקט פאַרקערט, נישט לויט די באַפעלן. זיי האָבן באַקומען אַ חשד, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדנונג מיט זיין חוש השמיעה, מיט זיין געהער: אָדער ער דערכאַפּט נישט וואָס מען רעדט צו אים אָדער ער מאַכט זיך געפּגרט.

— אפשר רוקט ער אָן אויף זיך דאָס טויבע היטל? — רופט זיך אָן אַ פּיפּיקער יונג מיט אַן איינגעפּלאַטשטע נאָז און אַ כריפּעדיק קול. יענער האָט מאָריסן געלערנט ווי אַזוי צו לויפן אויף דער לייטער, אַרויף און אַראָפּ. און פאַר יעדן נישט געלונגענעם לויף, פלעגט דער יונג אים רופן „טויבער יאַש!" ווייזנדיק מיט חוזק מיט די פינגער, אַז די אויערן דאַרפן הערן וואָס דאָס מויל רעדט.

דאָס האָט, נאַטירלעך, אַרויסגערופן קריגערייען, צוליב וועלכע מאָריס האָט געהאַט אַ סך אומאַנגענעמלעכקייטן. למשל, ס'פלעגן אים פון צייט צו צייט פאַרפאַלן ווערן זאַכן, ספּעציעל טיילן פון זיין אָנטועכץ, וועלכע ער האָט שפּע־טער געפונען אין מאָדנע, נאַרישע פּלעצער. מחמת דעם פלעגט ער האַלבע נעכט באַ־אַרומשפּרייזן איבערן צימער, זיינע אויערן אַנגעשפּיצט אויף יעדן שאָרך, באַ־



וועגונג אָדער קלאַנג. מייסטנס איז ער געווען פאַרנומען מיט דער איינציקער מחשבה, נישט צו בלייבן הינטערשטעליק לגבי די אַנדערע יונגעלייט אין פאַל פון אַ פּלוצלינגען לופט־אַנפאַל אָדער אַ שׂרפה. דעריבער האָט ער געהאַלטן די אויגן געווענדעט אויף איין פונקט, ווו ס'פלעגט זיך באַווייזן דאָס רויטע ליכט, די אָנדייטונג אויף אַ סכנה, איידער מ'האָט דערהערט דאָס געוואָי פון די סירענעס.

די לופט־אַטאַקע פונם צענטן מאַי, 1941, איז געווען גרויזאַם און ווילד. אין יענער נאַכט האָבן אויסגעבראָכן פייערן אין אַ סך געגנטן. מאָריס, אויפ־כאַפּנדיק זיך פון אַ פּלוצלינגען דרימל און נישט באַגרייפנדיק וואָס ס'איז גע־שען, האָט מיט גרויס איילעניש קוים באַוויזן אַרויפצוציען אויף זיך זיינע הויזן, פאַרגעסנדיק אין דעם פייערלעשער־פּאַסיק. אַ האַלב־נאַקעטער איז ער אַרויף אויף דער מאַשין און געלאָזט דעם מאָטאָר אין גאַנג איידער די מאַנשאַפט האָט נאָך צייט געהאַט זיך אַרויפצוכאַפּן. אין דער בהלה איז מאָריס געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז ר'האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין זיין הולך און אפילו נישט דער־הערט דאָס געשריי פון די קאָלעגן זיינע „סטאָפּ! סטאָפּ! סטאָפּ! — וועלכע זיינען אים אַ שטיק וועגס נאָכגעלאָפן.

ווען מאָריס איז ענדלעך, נאָך אַרומבלאָנדזשען אין דעם לאַבירינט פון שמאָלע געסלעך אין דר סיטי, אָנגעקומען אויפן אָרט, ווו אַ פייער־באָמבע האָט אָנגעמאַכט אַ שׂרפה, האָט דער הויכער אָפיציר, ביל, מיט די לאַנגע פיס און הויך אויסגעצויגענעם האַלז, אים אַ פרעג געטון, מיט אָפּגעהאַקטע ווער־טער, ווו זיינע קאָלעגן זיינען, אָנרופנדיק אים דערביי מיט נישט קיין שיינע נעמען.

מאָריס האָט זיך פאַרלוירן, נישט באַגריפן וואָס דאָ גייט אָן. אָבער ווען דער אָפיציר האָט פאַרזשמורעט די אויגן, אָפּמעסטנדיק מאָריסן פון אויבן אַראָפּ, האָט פּלוצלינג אַ קרומער שמייכל זיך באַוויזן אויף זיין לאַמטערן־אַרטיק פּנים און ער האָט באַפעלעריש אַ זאָג געטון:

— דאָס צווייטע מאָל, אַז דו וועסט זיך אַזוי איילן, זאָלסטו נישט פאַרגעסן דעם פּאַסיק און די מאַנשאַפט!

ערשט איצט האָט מאָריס איינגעזען פאַרוואָס דער גראָבער פּאָליסמאַן האָט אַזוי שטאַרק געלאַכט, ווען ער איז פאַר אים פאַרבייגעפאָרן; און ער, האָט שנעל, אַ פאַרשעמטער אַ צי אַרויף געטון די הויזן.

די דאָזיקע נאַכט איז פאַר מאָריסן געווען אָן אָפּקומעניש. כמעט יעדע שעה האָבן די סירענעס יאָמערלעך געשניטן די לופט. אַ געדיכטע מענטשן־מאַסע, געטריבן פון איין גורל, האָט זיך דערשראָקן און מיט אימפּעט צו די „שעל־טערס" (שוץ־קעלערס) געלאָזט. די קראַכן פון די באָמבעס האָבן גאַנצע הייזער אויפגעריסן און מיט ברוכשטיקער און גלאָז די גאַסן אָנגעפילט. מאָריס איז גע־וואָרן אַזוי צעטומלט אין אָט דער ווילדער נאַכט, אַז וואָס ער זאָל נישט טון איז עס אויסגעקומען משה־קאַפּויער. כדי אויסצומיידן דעם לאַנגען אָפיציר, ביל, איז ער אַריין אין אַ קעגנאיבערדיק הויז און גענומען מאַכן לעכער אין דער

סטעליע פון אַ שטוב. אַ פרוי פון ערשטן שטאָק איז פלוצלינג אַראָפּגעפאַלן און מיט באַנומענע קולות געשריגן:

— פאַליס! פאַליס! עפּעס אַ משוגענער מאַכט לעכער אין דער פאַדלאָגע, וו מיין פאַרטעפּיאַן שטייט!

ווען אַ פייערלעשער האָט אים אָפּגעשטעלט, פרעגנדיק פאַרוואָס ער טוט דאָס, איז מאָריס געבליבן שטיין פאַרוואונדערט:

— ס׳טייטש, מען האָט דאָך מיר אָנגעזאָגט תמיד צו האָבן מיט מיר דעם „פּאוקער“ (קאָטשערע), מיט וועלכן צו מאַכן לעכער אין דער סטעליע, כדי דאָס וואַסער זאָל אָפּפליסן!

אָבער ווען דער לאַנגער ביל האָט אים אין אַ בייזן טאָן דערקלערט, אַז ער מאַכט לעכער אין אַ שטוב, וואָס ברענט נישט, איז מאָריס געבליבן שטיין ווי פאַרלוירן, און טאַמעוואַטע אַ פרעג געטון:

— נו, טאַקע, פאַרוואָס ברענט עס נישט?!

* * *

בעת אַ שׂרפה אין דער איסט־ענד, אין אַ פאַבריק, וווּ מ׳מאַכט מושטאַרדע און מ׳זויערט ציבעלעס און קליינע אוגערקעלעך, האָט אויך מאָריס זיך געפּלאָנטערט צווישן די פייערלעשער. פאַרשוויצט פון לויפן אויף דער לייטער אַרויף און אַראָפּ מיט דער וואַסער־קישקע אין האַנט, האָט ער אויסגעזען ווי אַ שיכור, וואָס לויפט אַרום אין אַ קרייז און בלייבט אַלץ אויף איין אָרט. כאָטש ער האָט דאָס מאָל געהאַלטן גוט אין געדאַנק וואָס ביל, דער אָפיציר, האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ווי נאָר ער וועט דערהערן דאָס פייפן, וועלכעס די פייערלעשער באַנוצן אין פאַל פון אַ סכנה, זאָל ער גלייך אַראָפּלויפן פון דער לייטער און זיך וואַרפן אויף דער ערד, ממחת אַ באָמבע קען אומדערוואַרט אים טרעפן.

מאָריס איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט דעם געדאַנק... וואָס ס׳קען פאַסירן, אַז ס׳האָט זיך אים די גאַנצע צייט אויסגעדאַכט, אַז ער הערט ווירקלעך דאָס פייפן. אָבער אין דער גרויסער בהלה האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן דעם לאַנגען אָפיציר בילס באַפעלן, און בשעתן אַראָפּלויפן פון דער לייטער, וועלכע איז געווען אָנגעשפּאַרט ביי אַ פעסל זויערע ציבעלעס, האָט ער פאַר גרויס איילעניש פאַרלוירן די גלייכגעוויכט, און — בוץ! — אַריין אינם פעסל. ווען מ׳האָט מאָריסן, כמעט אַ האַלב טויטן, אַרויסגעשלעפּט, מיט שטיקלעך ציבעלע אין די אויערן און מיט פאַרקלעפּטע אויגן פונם שאַרפן עסיק, איז ער אויף תמיד פאַרבליבן קורצזיכטיק און טויב.

ווען מאָריס איז נאָך אַ לענגערער צייט אַרויס פון שפּיטאָל האָט ער געמוזט טראָגן בלויע ברילן און אַ הער־אַפּאַראַט אינם לינקן אויער.

פון דאַמאָלט אָן קענט איר אים תמיד טרעפן שפּרייזן איבער די ווייטשעפּעלער גאַסן, האַלטנדיק אַ צייטונג, אין וועלכער ס׳איז אָפּגעדרוקט דער אויפרוף, אַז עס פאָדערן זיך וואָלונטירן פאַר דער ציווילער פאַרטיידיקונג. אויס נייגעריקייט שטעלן זיך אַרום אים מענטשן, פאַר וועלכע ער דערציילט איבער



זיינע איבערלעבונגען אַלס פייערלעשער אין דער מלחמה, מיט אַלע פּיטשעווקעס; דערביי נעמט ער אַרויס אַ קליין שפּיגעלע פון דער אויבערקעשענע פון זיין רעקל, קוקט זיך שטאַרק איין און שיסט אויס מיט אַ געלעכטער:

— יאָ, דאָס איז דער שכר: אַ רערל אין אויער און בלויע ברילן אויף די אויגן! נאָר גם זו לטובה, בעסער אַזוי איידער אינגאַנצן בלינד...

אָבער אַז ער טרעפט זיך מיט חברה, וועלכע זיינען געווען מיט אים אין איין קאָמאַנדע, דערמאָנט מען זיך נישט נאָר אין די טראַגישע איבערלעבונגען פון יענע ווילדע מלחמה־נעכט, נאָר אויך אין קאָמישע איבערלעבונגען.

— פונדעסטוועגן — ווייזט מאָריס מיט גרויסקייט אָן אויף דער צייטונג מיטן אויפרוף — אויב ווער פון אייך ס׳וויס פון ערגעץ אַ פייערלעשער־בריגאַדע, וווּ מ׳דאַרף אַ וואָלונטיר פאַר ציווילער פאַרטיידיקונג, בין איך גרייט, ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן, ווידער צו וואָלונטירן!

חברה שאָקלען מיט באַדויערן זייערע קעפּ:

— נעבעך, צעדרייט געוואָרן, און טויב, ווי אַ לאָקשנטאָפּ...

---

## דר. סען

## פ ר י ל י נ ג

עס גייט דורך דעם לייב דיר אַ פלוצלינגער שוידער,<br>
און ס׳ציט דיך אַרויס צו דער לופט און צום ליכט.<br>
דאָ קומט דיר אַנטקעגן אַ גרינער געפלוידער,<br>
און וואַרעמע לופט גלעט דיר צאַרט דיין געזיכט.

און באַלד יאָגט דיך איבער אַ מחנה אַ גרינע:<br>
דאָס טראָגט זיך אַ כוואַליע פון פריש־נייעם גראָז,<br>
און ס׳טרייבט זיי אַ ווינט מיט אַ ליבלעכער מינע<br>
און פליסטערט קאָקעטיש אַ פרילינגס גרוס.

הויך אויבן צולאָזן זיך פליגל און שוועבן,<br>
און צוויטשען אָן אויפהער אַ ווילקאָמען צו דיר.<br>
און אַלעס אַרום איז פאַרגאַסן מיט לעבן<br>
וואָס וויגט זיך און פליסטערט: קום מיט, קום מיט מיר!

און גלייך כאַפּט דיך אונטער דער שייגעץ, דער ווינט,<br>
און שלענגלעלעך שטרעמעלעך רופן: געשווינד.<br>
און אַלעס אין איילעניש יאָגט זיך פאַרשייט<br>
און ציט זיך און שלעפּט דיך אַהין אין דער ווייט

וווּ ס׳בלענדט אייך די אויגן פון פרילינג דעם יונגען,<br>
וווּ ס׳קלינגט ווי די גלאָקן אַ פריילעכעס זינגען<br>
און אַלעס פאַרדרייט זיך ווי שיכור אין טאַנץ<br>
און ווערט גלייך פאַרזינקען אין גאָלדענעם גלאַנץ.

## יוסף הלל לעווי

### ווען איך זינג מיין ליבע ליד

כ׳בין פאַרבונדן מיט אַ ניגון —
ווי די קוילן מיטן פלאַם,
וואָס ער ליגט אין מיר פאַרשוויגן
ווי די פערל אינם ים.

ווען מיר לויפט דער שטורם אַנטקייגן
מיך צו בייגן ווי ער וויל,
ליב איך ווי די זון צו שווייגן,
און צו לויפטן אין דער שטיל.

מיינע טעג אין צער פאַרשוועבן
ביז מיין טרוים די נעכט באַהיט,
נישט עס קלעקט מיין גאַנצער לעבן
אויסצוזינגען ס׳קורצסטע ליד.

כ׳וואָלט געוואָלט מיין האַרץ פאַרשענקען
צו מיין חלום אָן אַ סוף,
ווייל צו ליבן און צו בענקען
הערט מיין האַרץ נישט קיינמאָל אויף.

ווען די וועלט הייבט אָן צו טונקלען,
און דער העלער טאָג ווערט בלייך,
הייבט דאָס ליד מיינס אויפצופונקלען
ליב ווי שטערן אין דער הייך . . .

ווי דער אָדלער אינעם שטייגן
צו זיין פעלדזנעסט וואָס פליט, —
האָב איך ליב דאָס טיפע שווייגן
ווען איך זינג מיין ליבע ליד.

---

**ווערט אַ מיטגליד פון „פריינט פון יידיש-לשון“**

**קומט צו אונזערע יידיש-ליטעראַרישע שבת-נאָכמיטאָגס**

---



## אברהם לעוו (ישראל)

### מגדל בבל

אויפן וועג פון מענטש׳ס יסורים
שטייט אַ טורעם
האַלב צובראָכן, נישט דערמויערט
שטייט פאַרטרויעט ;
ווי אַ דורות ווייטע גריסונג
פון דאָס מענטשלעכע צעמישונג.
שטייט פאַרהויקערט, ווי אַן אבל —
מגדל בבל.

מגדל בבל, אָט דער טורעם
נעמט אויף זיך איצט פלייש און קליידער.
ס׳איז אַ מעשה פון אַ טורעם, —
כ׳האָב געלערנט עס אין חדר.

און אָט ווי נאָר
איך דערמאָן זיך, טוט אַ ווייטע ליכט פאַרבלענדן . . .
נאָך אודאי אין טאָל שנער
ליגט אין דר׳ערד די פונדאַמענטן
פון אָט יענעם גרויסן בנין,
וואָס געבויט האָט מען צוזאַמען ;
נישט איין מענטש און נישט איין מנין —
נאָר אַ גאַנצע וועלט, ווי איינער
האָבן אויסגעריסן שטאַמען,
האָבן אויסגעוואָרצלט שטיינער
און געהויבן ווענט אַלץ העכער,
ביז די הימלען צו דערלאַנגען ;
ביז לבנהס זילבער־בעכער
פון דערהויך אַראָפּצופאַנגען . . .

מגדל בבל, מגדל בבל.
עפּעס קלינגט עס לעגענדאַריש,
ס׳איז אַ מעשה פון אַ באָבע
דוכט זיך לעכערלעך און נאַריש . . .

פאַר מיין אָפנקייט זייט מוחל,
ס׳לייגט זיך גאָרנישט אויפן שכל
אָט די וווּנדערבאַרע בשורה,
אַזאַ מעשה זאָל זיין ריכטיק ?
אָבער לייענט גוט די שורות,

װערט איך קלאָר און װערט איך ליכטיק. —
אָט די מעשה פֿון אַ מאָל,
אָט די מעשה פֿון דערװײַטן,
װעלכע הענגט, װי אַ סימבאָל,
איבער אונדז אויף אַלע צײַטן.

אָט די מעשה פֿון דעם טורעם
און די מענטשלעכע צומישונג,
ברענגט דאָך ימען צער, יסורים
און אַזױפֿיל בלוט פֿאַרגיסונג.

גבעת השלשה, אַפּריל 1952

---

## יוסף פּערלשטיין (ישׂראל)

# אין באָרפֿוסע טעג

גערוידמעט „לשון און לעבן"

אין באָרפֿוסע טעג, אין צעכראַסטעטע יאָרן,
אין אַ װעלט װאָס אַראָפּ איז פֿון זינען,
װען גוטס איז אַװעק און דאָס שענסטע פֿאַרלאָרן —
גלוסט זיך נאָך עפּעס געפֿינען. — — —

גלוסט זיך נאָך הערן אַ פּאָר װוילע װערטער
פֿון מויל פֿון גוט־ברודער אַן אַלטן,
און טײלן צוזאַמען אַ שמייכיק געלעכטער,
זיך גאָר װי אַמאָל אונטערהאַלטן — — —

נאָר גיי זײַ אַ בריה און זוך אויף אַ ברודער
אין אַ װעלט װאָס אַראָפּ איז פֿון זינען!
און שמייך מיט געלעכטער װען אַלץ איז דערװידער, —
דעם נעכטיקן טאָג װילסט געפֿינען? — — — !

שפּרייז איך אַװעק אויף באַפּאַלמעטע גאַסן,
פֿאַרבלאָנדזשע פֿאַרשעמט אין אַ גאָרטן
װו ייִדישע קינדערלעך לוסטיק, שפּאַסן,
װו צוקונפֿט אַליין שפּילט זיך דאָרטן.

נאָר . . . גיי זײַ אַ קינד אין צעכראַסטעטע יאָרן,
אין אַ װעלט װאָס אַראָפּ איז פֿון זינען!
װען גוטס איז אַװעק און דאָס שענסטע פֿאַרלאָרן —
װאָס קאָן נאָך אַזאַ אײנער געפֿינען? — — — !



## ש. טענענבוים

# די װינדמיל . . .

(מיניאַטור)

נאָך אַ װאָך פֿון אַרבעט און טומל האָב איך זיך אַרײַנגעכאַפּט אין פּאַרק און גענומען לייענען אַ ליד. פֿון אַלע מענטשן איז צו מיר געװען בלויז איין מענטש נאָענט — דער אימאַזש פֿון דער געטרייער און שיינער פֿרוי װאָס גייט מיר געטריי נאָך דורך די טעג און די נעכט פֿון לעבן. איך האָב אויפֿגעמישט אַ בלאַט און גענומען לייענען אַ ליד.

עס איז מיר געװען גוט צו באַרירן די שורות. די פֿערזן האָבן זיך אין מײַן געמיט אַרײַנגעגאָסן װי לאַגלען מיט קילן, אַלטן װײַן. פּשוט איז געװען דאָס ליד.

„אין מײַן ליבער היים, אויף װאָך,
איז אַ װינט־מיל הויך געשטאַנען;
װען די אויגן איך פֿאַרמאַך
קען איך זען זי איצט פֿון דאַנען.

װען אין שטוב איז שאַ און שטיל,
טיר און פֿענצטער אויפֿן ריגל —
זע איך איצט נאָך זי, די מיל,
הער װי ס'רוישן אירע פֿליגל..."

(אברהם רייזין)

איך האָב מיט דער דורשטיקייט פֿון אַ מדבר־װאַנדערער ביי אַן אַאַזיס געטרונקען די פֿערזן פֿ:נם ליד. און איך האָב רחמנות געקריגן אויף אַלע מענטשן װאָס שעפּן נישט די רואיקייט און די שטילקייט פֿונם ליד. עס איז געװען אַזוי גוט װידער צו לייענען אַ ליד. אַרײַנצונעמען אַ שטיקל תהלים אין מײַן האַרצן. איך בין אַזוי דאַנקבאַר געװען דעם דיכטער פֿאַר זײַן ליד. פּונקט װי איך בין געװען דאַנקבאַר צו גאָט פֿאַר דער זון. צום פּאַרק פֿאַר זײַן בוים־שאָטן. צום רוים פֿאַר איר כשופֿדיקע לופֿט. פֿאַר איר גאָלדענע אַטמאָספֿערע.

* * *

אַזוי װי דער תוהו ובוהו האָט געבענקט נאָך גאָט'ס װאָרט, אַזוי בענק איך צום װאָרט אין דער װיסטעניש פֿון לעבן. איך עפֿן אַלע מײַנע קװאַלן און לעפֿצן צום װאָרט. איך היל זיך אײַנם װאָרט אַזוי װי די װעלט הילט זיך אין דער זון.

גיט אַנאָנסן אין דעם אײנציקן ייִדישן זשורנאַל אין ענגלאַנד

ש. זאלקין

## א זומער־נאכט

די זון איז פאַרגאַנגען,
בלויז וואָלקענדלעך רויטע
אויפן הימל ס׳שווימען אַרום ;
און דעמערונג־קלאַנגען
פון דערפעלעך ווייטע
פאַרכישופט וויגן זיך אום.

אין שיין פון די שטערן,
זילבערנע, ווייסע,
זיי נעמען זיך אַלע פאַר הענט,
און פריידיק זיך הערן
געלעכטערלעך הייסע —
די ערד אונטער פיסעלעך ברענט.

די פויגל פאַרשטומען,
די הימלען ס׳טונקעלן,
און שטערנדלעך צינדן זיך אָן.
און מיידעלעך קומען,
די אויגעלעך פינקלען,
די ליפעלעך — רויטער פון מאָן.

זיי טאַנצן און זינגען
פון יונגט און לעבן,
פריילעך אַלע אין כאָר.
די הייכן ס׳קלינגען,
און ס׳דאַכט זיך ס׳שוועבן
מלאכים אַרום אויפן וואָר.

---

דוד אפאלאוו (ניו־יאָרק)

## באגינען גאלד

גוט איז זיך צו שפיגלען
אין באַגינען גאָלד,
ווען ווי אַקוואַרעל איז
הימל אויסגעמאָלט.

רעדסט די שפּראַך פון בוימער
און פון גראָזן דופט.
אָן אַ ציל צו בלאָנקען
יעדע סטעזשקע רופט.

אַנגעזאַפּט מיט גלויבן
גרינגאָלד־בלעטער שאָרכט.
ווען דער זשוואָווער וועוריק
ווי פאַרוווּנדערט האָרכט . . .

אין דעם קלאָרן זילבער
פון דעם פאַרק קאַנאַל
שפיגלט אָפּ זיך הימלס
בלויליכער עמאַל.

---

## תקון טעות

אין מיין אַרטיקל „צום מצב פון יידישן שרייבער" אין יוני־נומער פון „לשון און לעבן" זיינען אַריינגעפאַלן אַ היבש ביסל פאַרדריסלעכע פעלערן. עס וואָלט געפירט צו ווייט צו וועלן אַלץ קאָריגירן, נאָר דערלויבט מיר לכל־הפחות אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף איין טעות אויף ז. 31, שורה 15 פון אונטן: „און ווו זענען, אגב אורחא, יענע צדקה חברות און הילף אָרגאַניזאַציעס, וואָס בלאָפן כסדר מיט די פושקעס..." עס מוז ריכטיק הייסן: „...און הילף אָרגאַני־זאַציעס, וואָס קלאַפּן כסדר מיט די פושקעס"...

מיט אַכטונג,
ד״ר. יעקב י. מייטליס.



רקודה פאטאש (ירושלים)

## די באלאדע פון א שמעטערלינג

ר׳איז געבוירן געוואָרן ווען דער פרילינג איז געקומען
אַ גאָלדענער מיט ברוינע פליגעלעך, צווישן רויטע בלומען —

דערנאָך האָבן די פליגעלעך זיך מער גענומען ברוינען,
ווייל ער איז געשלאָפן אויף קוסטעס און אויף זייערע קרוינען.

און אַז ער האָט אויפגעוואַכט, האָט ער געטרונקן די מילך פון די רויזן
געפלויגן און געפלאַטערט, געמאַכט די וווּנדערלעכסטע ווייטע רייזן —

און אַ מידער אין די אָוונטן אויף אַ בלעטל איינגעשלאָפן,
ביז עס האָט מיט אים אַ מעשה נורא זיך פאַרלאָפן —

אַ וואָלקן, מיט שווערע לאָטשן, איז פלוצים אָנגעקומען
געטראָפלט, געשטאָלפערט, דעם שלאָף פון פויגל צוגענומען —

און ווי אַ וואָלקן, מיט שווערע גרויע לאָקן,
האָט דעם קליינעם שמעטערלינג אַ ביסל איבערשראָקן —

האָט דער פויגל מיט די פליגל גענומען פאָטשן, פאָטשן,
געמיינט דער וואָלקן וועט אָוועק, מיט די שווערע לאָטשן —

געזען דער וואָלקן ליגט זיך ברייטער נאָך אָוועק —
איז דער פויגל אָזש געפאַלן אויפן בויך פון שרעק —

גענומען פויזן, פויזן, אַרויף אויף די מאַנדל־בליטן,
אַ פינגערל פון פיסל זיך ביז בלוט צעשניטן —

און אפשר אויך אַ פליגעלע אַ גאָלדן־ברוינס, צעבראָכן ?
אַ געפאַנצערטער שילדקרעט, פון ערגעץ זיך פאַרקראָכן —

געקוקט אים אין די אויגן, דעם קאָפּ צו אים געבויגן,
ער וואָלט אים זיכער אויף די פלייצעס מיטגענומען ;
נאָר ער איז ניט דאָ אַליין אַהערגעקומען —

איז דער גאָלדענער שמעטערלינג איינגעשלאָפן מיט טרויעריקע אויגן
און אין חלום, אין ווייטע הימלען זיך אַ שטילינקער געפלויגן —

ער האָט געחלומט : ער פליט אין אַ ווינטערלאַנד, אים איז קאַלט געוואָרן
אפשר אים דער וואָלקן, די פליגעלעך אינגאַנצן אָפּגעשוירן —

ער האָט ניט גאָר ניט מער אַרום זיך איצט געהערט,
ער איז געלעגן טויט, פאַרחלומט, און פאַרקלערט — —

## לואידזשי פיראַנדעללאָ

# די קאַץ, דאָס פייגעלע און די שטערן

אַ שטיין. נאָך אַ שטיין. עמיצער גייט פאַרביי און באַמערקט אים פון דער נאָענט. אָבער ווער קען עס אונטערשיידן אַ שטיין, וואָס ליגט נעבן אַן אַנדערן? און די נישע און דאָס וואַסער, וואָס פליסט פון איר אַרויס? דער מענטש זעט דאָס וואַסער און די נישע; ער הערט ווי ס'ריזלט ביז ס'דאַכט זיך אים, אַז דאָס וואַסער שושקעט, פליסנדיק, ווער ווייסט וואָס פאַר אַ סודות צו דער נישע.

אַ וואָס פאַר אַ באַשטערנטע נעכט עס זענען איבער די דעכער פון אָט דעם אָרימען, פאַרוואָרפענעם מקום אין די בערג! באַטראַכטנדיק דעם הימל, קען מען שווערן, אַז די שטערן אין דער דאָזיקער נאַכט זענען נישט עפּעס אַנדערש, אַזוי לעבעדיק בלישטשען זיי עס אין דער הייך.

און די שטערן איגנאָרירן די ערד.

יענע בערג? קען עס זיין, אַז זיי אָנען אפילו נישט פון זייער טויזנט־יעריקער אָנגעהעריקייט צו אָט־אָ דעם מקום? יעדער איינער ווייסט דאָך ווי זיי הייסן: מאָנטע קאַרנאַ, מאָנטע מאַראַ; און זיי אַליין זענען זיך צומאָל נישט באַוווּסט, אַז זיי זענען בערג? און וואָס מכּוח דעם עלטסטן הייזל אין דעם מקום, ווייסט עס טאַקע נישט, אַז ס'איז דאָ אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ פּונקט אויף דעם סאַמע עלטסטן פון אַלע געסלעך? איז עס מעגלעך?

יאָ, נו?

אויב ס'איז אייך ליב, גלויבט־זשע, אַז די שטערן זעען באמת נישט עפּעס אַנדערש ווי די דעכלעך פון אייער שטעטעלע אין די בערג.

צוויי אַלטע לייט, וואָס האָבן געהאַט אַ פייגעלע, האָב איך געקענט. די פראַגע ווי אַזוי אָט די קלאָרע, לעבהאַפטע אייגעלעך פון דעם פייגעלע האָבן געזען זייערע פנימער, דאָס שטייגלע, די שטוב מיט די אַלטע זאַכן און וואָס דעם פייגעלעס קעפּל האָט געטראַכט פון דער ליבשאַפט, וואָס זיי האָבן עס אַרויסגעוויזן, איז פאַר די זקנים קיינמאָל נישט אַנטשטאַנען; זיי זענען אָבער געווען גריילעך זיכער, אַז ווען ס'פייגעלע שטעלט זיך אויף דעם אַלטיטשקנס אַקסל אָדער אויפן אַקסל פון דער אַלטיטשקער, כדי צו פּיקן דעם גערונצלטן קאַרק אָדער דאָס אויער־לעפל, ווייסט עס גוט, אַז עס פּיקט אַ קאַרק אָדער אַן אויער־לעפל, און אַז דער קאַרק און דאָס אויער זענען זיינע און נישט אירע. ווען ווער עס דען איינפאַלן, אַז דאָס פייגעלע קען נישט זיי ביידן? אַז ער איז דער זיידע און זי — די באָבע? און אַז זיי האָבן עס דערפאַר אַזוי ליב, ווייל ס'איז דאָס פייגעלע פון דעם פאַרשטאָרבענעם אייניקל, וואָס האָט עס אַזוי גוט געלערנט זיך צו שטעלן ביי זיי אויף די אַקסלען, אַזוי צו פּיקן די אויערן, אַזוי אַרומפליען איבער דער שטוב פון דער שטייג אַרויס?

אין דעם שטייגל, וואָס הענגט אין פענסטער צווישן די פאַרהענג, איז דאָס פייגעלע געווען בלויז ביינאַכט. און בייטאָג, נאָר דעמאָלט ווען ס'האָט געפּיקט דעם הירזש און מיט אַזעלכע מאָדנע העוויות געטרונקען אַ טראָפּעלע וואַסער.



הכּלל, דאָס שטייגעלע איז געווען אַ מין פּאַלאַצל, און די שטוב — אַ מין גרויס קויגרייך פאַר דעם פייגעלע. און אָפטמאָל אויף דער שיין פון הענגלאָמפּ אָדער אויף דעם אָנלען פון זיידנס שטול פלעגט עס גיין פאַרשווענדן די טרילן און אויך... — ווי אַ פייגעלע!

— דו אומריינער! — פלעגט די אַלטע באָבע געבן אַ שריי אַן דערויף. ווען זי האָט עס געפּאַקט בשעת מעשה. און מיט אַ גרייט שמאַטקעלע פלעגט זי לויפן אָפּרייניקן דאָס אָרט, ווי מ'טוט מיט אַ קינד, וואָס ווייסט שוין ווען און וווּ זיך צו צורכן, און דערביי זיך דערמאָנט אינם אייניקל, וואָס האָט מער ווי אַ יאָר אַכטונג געגעבן אויפן פייגעלע.

— געדענקסט, האָ?

און דער אַלטיטשקער — צי ער געדענקט? ער קען זי דאָך נאָך ממש זען די קליינינקע זיך אַרומדרייען אין שטוב! און לאַנג, לאַנג שאָקלט ער צו מיטן קאָפּ.

געבליבן זענען זיי אַליין, די צוויי אַלטע זקנים מיט דעם קליינעם יתומהלע, וואָס האָט געזאָלט זיין די פרייד פון זייער זקנה; אָבער אַנשטאָט דעם ביי פּופּצן יאָר... לעבעדיק איז בלויז געבליבן פון איר — טרילן און פליגעלעך — דער זכר, — אין אָט דעם פייגעלע. אין דעם יאוש, אין אָט דעם תּהום פון פאַרצווייפלונג, אין וועלכן זיי זענען אַריינגעפאַלן נאָכן אומגליק, האָבן זיי דען נאָך געקענט זיך אָפּגעבן מיט אַ פייגעלע? אָבער אויף זייערע געבויגענע אַקסלען, וואָס האָבן געציטערט פון שלוכצן און קרעכצן, איז ער, דאָס פייגעלע — יאָ, ער, ער — געקומען צו פליען, זיך אַנידערגעזעצט אַזאַ לייכטינקער, דרייענדיק דאָס קעפּל אַהער און אַהין, אויסשטרעקנדיק דערנאָך דאָס העלזל, דאָס שנעבעלע הינטן אַרום,ביים אויער, ווי צו זאָגן, אַז... יאָ, ער איז אירס אַ לעבעדיק באַשעפעניש; לעבט און נויטיקט זיך נאָך אַלץ אין זייער השגחה געבן דערויף, אין דער זעלביקער ליבשאַפט, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר אירעטוועגן.

אַ, מיט וואָס פאַר אַ ציטערן ער, דער זקן, האָט עס גענומען אין זיין גרויסער האַנט אַריין און געוויזן זיין אַלטיטשקער, שלוכצנדיק! אַ, די קושן אויף דעם קעפּעלע, אויף דעם שנעבעלע! עס האָט אָבער נישט געוואָלט בלייבן אין דער האַנט; האָט עס געשאַרט מיט די פיסלעך, מיטן קעפּעלע; און צוריקגעביסן אויף די קושן פון די צוויי אַלטע לייט.

די אַלטיטשקע האָט זיך געפילט זיכער, גאַנץ זיכער, אַז מיט די דאָזיקע טרילן רופט דאָס פייגעלע ס'יתומהלע, און אַז אַרומשוועבנדיק איבער דער שטוב, זוכט עס, זוכט עס אַן אויפהער, אַן מנוחה זיין בעל־הביתטעלע, נישט קענענדיק זיך באַרואיקן אַן איר; און אַז די אַלע לאַנגע טרילן זענען נאָר טענות צו איר; בעסער געזאָגט, פראַגעס, וואָס עס פלעגט איבערחזרן דריי, פיר מאָל נאָכאַנאַנד, און וואָס האָבן געוואַרט אויף אַן ענטפער און אַרויסגעוויזן כּעס, נישט באַקומענדיק קיין ענטפער.

אָבער ווי אַזוי, ווען ס'איז שפּעטער אויך געוואָרן זיכער, גאַנץ זיכער, האָט עס געוווּסט פונם טויט אויך? אויב ס'האָט געוווּסט, ווען־זשע האָט עס גע־

רופן? פון וועמען דערוואַרט אַן ענטפער אויף יענע פראַגעס, וואָס האָבן זיך בעסער נישט געלאָזט אויסדריקן מיט ווערטער?

אָ, גאָט, ס'איז דאָך געווען נישט מער ווי אַ פייגעלע! אָט האָט עס זי גערופן, אָט האָט עס זי באַוויינט. ווער, למשל, וואָלט עס געקענט צווייפלען, אַז גראָד ווען ס'זיצט אַזוי אויפן שטענגעלע אינם שטייגל מיטן שנעבעלע אַרויף און די אייגעלעך האַלב פאַרמאַכט, טראַכט עס נישט פון איר ווי פון אַ טויטער? עס פלעגט דאָך דעמאָלט אַרויסלאָזן אַזעלכע קורצינקע טשירפּן, אונטערדריקטע, וואָס זענען געווען דער באַשיינפּערלעכסטער באַווייז, אַז עס טראַכט פון איר און באַוויינט און באַקלאָגט זי. יענע טשירפּן זענען דאָך געווען אַ השתפכות פון געפילן.

דער אַלטיטשקער האָט נישט געלייקנט זיין אַלטיטשקערס רייד. אַליין אויך געווען זיכער דערין! ווייסט ער דען נישט, אַז ווען ס'שפּרינגט ביסלעכווייז אַרויף אויפן שטול, איז עס כדי ווי פון דער נאָענט צו שעפּטשען אַ טרייסטווערטעלע דעם אייניקלס נשמהלע, און בשעת מעשה, ווי נישט וועלנדיק זעען וואָס עס טוט אַליין, זיך באַמיען צו עפענען ס'טירעלע פון שטייגל, וואָס האָט זיך פאַרהאַקט אויפן האַטשיקל.

— אָט זע ווי ר'אַנטלויפט! אָט ווי ר'אַנטלויפט דער שייגאַץ! — פלעגט דער אַלטיטשקער אויסשרייען, אויסדרייענדיק זיך עס נאָכצופאָלגן מיט שמייכלענדיקע אויגן, מיט אויסגעשפּרייטע הענט פאַר זיך, ווי עס צו כאַפּן.

און דעמאָלט פלעגן באָבע־זיידע זיך קריגן. געקריגט האָט מען זיך ווייל אַזוי פיל און אַזוי פיל האָט זי אים געהאַט אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל לאָזן דאָס פייגעלע געמאַך און נישט גיין עס כאַפּן. נו, הערט ער דען זי?

— עס זינגט — האָט דער אַלטיטשקער געזאָגט.

— ווער מיר זינגען! — האָט זי אים אָפּגעהאַקט מיט אַ שאָקל פון די אַקסלען. — עס רעדט דאָך צו דיר פון גאַנץ אַנדערע זאַכן. ס'איז דאָך אירסער זיך!

און זי פלעגט צולויפן עס באַרואיקן. נאָר גיי באַרואיק עס, אַז עס לויפט פון דאַנען אַהין, פון דאָרטן אַהער, ברוגז; און מיט רעכט, וואָרום אין אַזעלכע מאָמענטן האָט מען, לפּחות, געדאַרפט מאַכן אַן אָנשטעל, אַז מ'לאָזט עס צופרידן.

און דאָס פּיקאַנטע דערביי פלעגט זיין, דעם זיידן האָבן נישט בלויז געקרענקט דער באָבעס ווערטער. נאָר ער האָט איר אַפילו נישט געזאָגט, אַז ס'טירעלע פון שטייגל האָט זיך ווידער פאַרהאַקט, און מסתמא דערפאַר טשירפּעט דאָס פייגעלע אַזוי טרויעריק. ער פלעגט נאָך וויינען, הערנדיק ווי זיין אַלטיטשקע רעדט דאָס אַזוי, געוויינט אין זיך, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ דערביי, ווי וועלנדיק געבן איר גערעכט.

— ער איז, נעבעך, גערעכט . . . נעבעך גערעכט . . . פילט, אַז מ'קוקט זיך אויף אים נישט אום!

בפועל ממש האָט דער זיידע געוווסט, וואָס עס הייסט, אַז מען קוקט זיך



אויף עמיצן נישט אום. אויף ביידן, אָרימע זקנים נעבעך, האָט מען זיך מער נישט אומגעקוקט, זענען געווען ווי צום שאַנד־סלופּ געשטעלט. נאָר דערפאַר וואָס זיי האָבן איצט געלעבט בלויז פאַרן פייגעלעס וועגן און תמיד געהאַלטן די פענסטער פאַרמאַכט. און ער, דער זיידע, זאָל דאָס אַפילו וועלן בלויז די נאָז אַרויסצושטעקן אין דרויסן; ניין, ער איז זיך געזעסן אינעווייניק און פלעגט וויינען ווי אַ קינד. נאָר לאָזן זיך שפּייען אין דער קאַשע, דאָס — זעט איר — שוין נישט! און וואָלט ווער די העזה געהאַט צו טרייבן ליצנות פון אים — וואָס פאַר אַ ווערט האָט דען דאָס לעבן נאָך געהאַט פאַר אים, — וואָלט ער יענעם שוין ריכטיק אָנגעלערנט, אַז מ'שפּילט זיך נישט מיטן זיידן. אויף מיין וואָרט, אַפילו ווען עמיצן פאַלט איין צו זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויפן פייגעלע. דריי מאָל אין דער יוגנט איז ער דאָך געשטאַנען פאַר אַ נסיון... אָדער דאָס לעבן אָדער די פרייהייט! זאָל עס אַפילו קאָסטן די אויגן!

פון צייט צו צייט, ווען אַזעלכע רוגזות פלעגן זיך אים אָנצינדן אין בלוט, האָט דער אַלטער זיך אויפגעהויבן, אָפּט מיטן פייגעלע אויפן אַקסל, און געקוקט מיט צאָרנדיקע אויגן דורכן פענסטער אויף די פענסטערס פון די אַנטקעגנדיקע הייזלעך.

אַז ס'זענען געווען הייזלעך אָט דאָרטן אַנטקעגנאיבער; אַז ס'זענען געווען פענסטערס מיט אַזעלכע איינגערעמטע שויבן, באַלקאַנדלעך, מלומענקעסטלעך; אַז יענע דאָרטן זענען געווען דעכלעך מיט קוימענס, שינדלען, געזימסן, אין דעם אַלעם האָט דער זקן, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט צווייפלען, מחמת ער האָט אַפילו געוווסט צו וועמען זיי געהערן, ווער ס'וווינט אין זיי און ווי ס'דערגייט יעדן איינעם. די צרה איז אָבער ס'איז אים לגמרי נישט געקומען אויף דער מחשבה די פראַגע וואָס זיין הייזל און אָט יענע הייזלעך באַטייטן פאַרן פייגעלע; און אויך דאָרטן פאַר דער גרויסער, ווייס און שוואַרץ געשטרייפטער קאַץ, וואָס ליגט זיך איינגעלייגט אויפן פענסטער, מיט צוגעמאַכטע אויגן, מאַכנדיק זיך אַזוי באַקוועם אויף דער זון. פענסטער? שויבן? דאַכן? שינדלען? מיין הייזל? דיין הייזל? פאַר דער קאַץ, וואָס איז דאָרטן געשלאָפן אויף דער זון, מיין הייזל? דיין הייזל? זי האָט דאָך געקענט אַריינקריכן אומעטום, אַלץ איז דאָך געווען אירס! הייזלעך? וועלכע הייזלעך? דאָס זענען דאָך בלויז מקומות, וווּ מ'קען עפּעס אַ כאַפּ טון; ערטער, וווּ מ'קען מער־ווייניקער זיך אויסשלאָפן באַקוועם; אָדער מאַכן זיך שלאָפן.

האָבן עס די צוויי אַלטיטשקע לייט טאַקע אויף אַן אמת נעגלויבט, אַז האַלטנדיק תמיד טיר און פענסטער פאַרמאַכט, וועט אַ קאַץ, וועלנדיק, נישט קענען געפינען קיין אַנדערן וועג אַריין צו זיי, כדי אויפצועסן דאָס פייגעלע?

און ווידער, איז עס דען נישט צופיל צו דערוואַרטן, אַז די קאַץ זאָל וויסן, אַז אָט דאָס פייגעלע איז דאָס גאַנצע לעבן פון די צוויי זקנים, ווייל ס'האָט געהערט דעם פאַרשטאָרבענעם אייניקל, וואָס האָט עס אַזוי וויל געלערנט פליען איבער דער שטוב? און אַז זי זאָל אַפילו וויסן, אַז דער זיידע האָט זי אַמאָל דערשנאַפּט, נאָכקוקנדיק פאַראינטערעסירט ווי דאָס פייגעלע פליט

אַזוי זאַרגלאָז איבערן צימער, און איז, אַן אויפגערעגטער, געגאַנגען וואַרענען די בעל־הביתטע אירע, אַז ווי, ווי וועט זיין טאַמער פּאַקט ער די קאַץ דאָרטן נאָכאַמאָל? דאָרטן? ווען? ווי אַזוי? די בעל־הבית׳טע.... די באָבע־זיידע... דאָס פענסטער... דאָס פייגעלע?

און אַזוי אַ געוויסן טאָג האָט זי עס אויפגעגעסן — יאָ, דאָס פייגעלע, וואָס פאַר דער קאַץ האָט עס אַפילו נישט געקענט זיין אַן אַנדערש — האָט עס אויפגעגעסן, אַריינקריגנדיק זיך אינעם הייזל פון די צוויי אַלטע לייט. ווער ווייסט ווי אַזוי, ווער ווייסט דורך וואַנען? די באָבע — ס׳איז געווען פאַרנאַכט — כמעט נישט פאַרנומען, פון דאָרטן עפּעס אַ פּישטש, ווי פון אַ געוויין; דער זיידע לויפט צו און דערזעט עפּעס אַ ווייסע זאַך, וואָס גיט זיך אַ וואָרף, אַנטלויפט דורך דער קיך און פאַרשווינדט אין דער ערד, אַ פּאָר קליינע פע־דערלעך פונם בריסטל, די צאַרטסטע, וואָס זענען זיך צעפלויגן ביי זיין אַריינ־קומען, פאַלן אַראָפּ אויף דער ערד. אַ וואָס פאַר אַ געשריי! אומזיסט צוריק־געהאַלטן פון דער אַלטיטשקער ווייבער, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן זיין ביקס און געלאָפן ווי אַ משוגענער אין שכנותדיקן הייזל אַריין. ביין, נישט די שכנה, די קאַץ, די קאַץ האָט דער זקן געוואָלט ממיתן אויפן אָרט, פונקט דאָרטן פאַר דער שכנהס אויגן; ר׳איז אַריין אין זייער עס־צימער, און ווי ער זעט זי זיצן אַזוי רואיק אויף דער קרעדענץ טוט ער אַ שאָס איינמאָל, צוויי מאָל, דריי מאָל, צעברעכנדיק ס׳געפעס, ביז ס׳איז נישט אונטערגעלאָפן דער שכנה׳ס זון, אויך מיט אַ ביקס, און דערשאָסן דעם אַלטן.

אַ טראַגעדיע. אונטער געשרייען און געוויינען האָט מען דעם אַלטן אַריינ־געטראָגן אַ שטאַרבנדיקן פון אַ קויל אין דער ברוסט צו זיך אין שטוב אַריין צו זיין אַלטיטשקער.

דער שכנה׳ס זון איז ערגעץ ווו נעלם געוואָרן דורך די פעלדער. אַ חורבן אין ביידע הייזלעך; אַ מהומה אינם שטעטעלע די גאַנצע נאַכט.

ס׳קען זיין, אַז די קאַץ האָט זיך אַ רגע שפּעטער דערמאָנט, אַז זי האָט אויפגעגעסן דאָס פייגעלע, אַ דורכשניטלעך פייגעלע; און אפשר זיך משער געווען, אַז מיטן שיסן האָט דער אַלטיטשקער געמיינט זי. אָבער זי האָט אַ שפּרונג געגעבן און איז ניצול געוואָרן, און איצט — קוקט זי נאָר אָן! — ליגט זי זיך דאָרטן אַזוי רואיק, אַזוי ווייס אויפן שוואַרצן דעכל צו קוקן אויף די שטערן, וואָס פון דער טיפעניש פון אַ לבנהלאָזער נאַכט — מ׳קען שוין זיין גאַנץ זיכער. — האָבן גאַרנישט געזען די אָרימע דעכלעך פון יענעם שטעטעלע אין די בערג. אָבער אַזוי לעבעדיק, אַזוי העל האָבן זיי געלויכטן אויבן אין דער הייך, אַז מ׳וואָלט געקענט שווערן, אַז זיי זעען נישט עפּעס אַנדערש אין יענער נאַכט.

פון איטאַליעניש, **א. א.**

פאַרגעסט נישט **דינסטאַג**, 8 אַזייגער, 15־טן **יולי**, צו קומען אין **אדלער האל** צום באַנקעט לכבוד דעם 150־טן נומער „לשון און לעבן“.



## א. נ. שטענצל

# איבער קוואַליקן לבנה־פעלדזן

I

אַ פאַרדאַרשטיקטע זי קומט צו אים,
צו אַ קוואַליקן קאַלטן קוואַל צו גיין,
אַ ליידיקער קרוג טראָגט עס זי אָן,
ער אָבער איז פון האַרטן פעלזן־שטיין.

זי שטילט זיך, קילט זיך, לבנהניש־לויטער,
און הערט נישט זיין שטיל ציטערדיק געוויין:
נאָר איין קאַפּעטשקע נענטער צום פעלדז,
און דער קרוג חלילה וועט צעבראָכן זיין.

ווען געשטילט געקילט, אַוועק זי גייט,
ער בלייבט שטייניקער נאָך איינער אַליין,
ס׳רינט אין אים נאָך קוואַליקער קלאָרער,
זיין לויטערדיק, זיין תפילהדיק געוויין.

II

עס בויען די אָדלערס נעסטן אויף אים,
די היי פיש צעשמעטערט אין אים ווערן;
אינמיטן ים, אין פינסטערן צעברויזטן,
ווייזט ער דעם וועג לבנה און שטערן.

עס שלייפן די ווינדן זייבע ריפן,
די בליצן — די ווינקלען פון זיין שטערן!
צום געברויז פון כוואַליעס און דונערס,
גלייך צו געזאַנג טוט ער זיך צוהערן.

נישט ווילדע שטורם ווינטן, נישט בליצן,
דעם פעלזן וועלן קענען צעשטערן,
נאָר דער טראָפּן, וואָס רייסט זיך אין אים
און צו טריפן ער וויל נישט אויפהערן.

## צוויי סאָנעטן

I

ווען אַראָפּקייקלען מען קען דעם שווערן שטיין,
די פאַרדאַרשטיקטע סטאַדע אַנצוטרינקן,
מעג מען די שיינינקע רחל צווינקן,
אַז מיט אירע לעמער זי זאָל בלייבן שטיין.

לבנ׳ס טאַכטער איז אַ קלוגע, נישט נאָר שיין:
נישט פֿאַר בילע וועמען וועט זי זיך שמינקען;
אַ יעקב, ער מעג צומאָל אונטערהינקען,
אָבער ווי לאַנג פֿאַר די שאָף פּאַשע וועט זיין.

קאָן מען מיטן קאָפּ דעם האַרטן פֿעלדז אַדורכברעכן,
מיט נאָז פֿאַראַקער פּעטע פֿעלדער פֿלעכן,
און איידער זון פֿאַרגייט די סטאַדעס שאָף

צו זעטיקן און צו שטילן נישט פֿאַרזוימען,
דעמאָלט מעג מען פֿון הימלישן לייטער טרוימען,
אין די נעכט אַ פֿאַרמאַטערטער אין שלאָף.

II

וואָסער קריגעלעך זייגען דאָס געווען,
וואָס יעקב פֿאַרגעסן אויף יענער זייט טייך,
אַז צוריק אַריבער ער איז תּיכּף גלייך,
און געשען עס איז דאָס וואָס ס׳איז געשען?

אויף רחל׳ס קאָפּ די קריגעלעך דערזען,
ווי שטאָלץ געטראָגן און ווי קעניגלעך גלייך,
און אירע ליפּן שעפּטשען ציטערדיק בלייך;
מיין ליבער, צו טרינקען פֿון זיי געבען —

חלילה, נישט ליידיק די קריגעלעך איצט זייגען,
פֿולע צעפּינקלטע פֿון ביידעס געווייגען,
איבערגייענדיקע פֿון נעכט פֿול שווייגן.

איז ווען דער טאָג וועט קומען און ער וועט שטאַרבן,
זאָל מען די קריגעלעך צעברעכן אין שאַרבן,
אויף זיינע אויגן שערבעלעך צו לייגן.

* * *

נישט נאָר ס׳קריגעלע גייט אַזוי לאַנג צום וואַסער,
ביז עס ווערט צעבראָכן,
דער האַרטסטער פֿעלדזן שטיין ווערט, ווי אַ קלייד פֿון וואָל,
פֿון מאָלן צעקראָכן.

נישט נאָר דאָס שוואַכע געמיט, דאָס לייכט גלויביקע,
מוז ווערן צעבראָכן,
צומאָל דאָס שטאַרקסטע האַרץ, דאָס שטאַנדהאַפֿטיקסטע,
אַ פֿולס מיט בטחון.



# אונטער א בליענדיקער ליפּע
(פֿיר לידער)

1

איז עס איבער מיר די צעבליטע ליפּע,
אָדער דער גרוך פֿון דיין צייטיקן גוף?
בליצט גליאיקע יולי־זון דורך די בלעטער,
אָדער איבער מיר — דיין בליק: לעצטן פּרוּוו?

נישט אַ נאָמען, נישט דאָס דאַטום פֿון חודש,
איינקריצט איצט אין דער קאָרע פֿון בוים,
ערגעץ־וווּ שטייט ער שוין אויף דער ליפּע דאָ,
אַ פֿאַרוואָקסענער, אַז מען זעט אים שוין קוים.

קריצן צוויי טראָפּן זיך צווישן מיינע ציין,
אָדער די גרילן שפּרינגענדיק אין גראָז?
אין דיין נאָמען דערמאָנט מיך די יולי־זון,
אין דיינע ליפּן — ליפּע־גרוך געבלאָז.

2

אַ קינד אונטער ברייטער שאַרץ זיך פֿאַרבאָרגט,
זיך איך אונטער דער צעצווייגטער ליפּע,
„נאָר ווו קאָנסטו זיך פֿון דיר באַהאַלטן!“
גיט עס אין האַרץ מיר האַרט אַ כּריפּע:

„פֿון אַ גריכיש פּיערל, ווען ס׳איז ערלעך,
וואַקסט אַ סאָקראַטעס ביי אַ קסאַנטיפּע,
איז מען פֿאַלטש אָבער, אַ פֿאַרבאָרגענער,
פֿון אַן אשת חיל מ׳מאַכט אַ קליפּה — — “

3

שוין שייגען קאַשטאַנעס פֿון די צווייגן אַראָפּ,
און צווישן די בלעטער שלאַנקן זיך די בירן,
די עפּלען זונען זיך רויטלעך אין דער זון,
שמחת תּורה פֿענער מיט זיי צו באַצירן.

זייגען דיביימער צו פֿאַרשמעקן מיט בליטן,
אָדער די צייטיקע פּירות אויסצוטראָגן?
„ביידעס, און נאָך עפּעס: צו וויאַגען און פֿוילן — — — “
הער איך אין אויער אַריין שעפּטשענדיק זאָגן.

4

ווי עס סיקעט, ווי עס סלינעט אַזוי זיס :
אַט־אָ דאָס־אָ עס איז אַלצדינג און אַלץ ?
אויב די ליבע מאַכט אונז נישט הכנעהדיק,
דערנידריקט דאָס לעבן — אַלנפאַלס !

אַ גלאַטע שלאַנג, צונגלדיק און גלעטנדיק,
פאַרוויקלט זיך טוליענדיק אַרום האַלדז.

אפנים, דאָס איז מסתם די גרויסע פרייד,
וואָס מען דערלעבט עס און עלטער מען ווערט :
קאָנען אָפּוואַרטן מיט אַ גוט האַרץ דעם טאָג,
ווען צוריק אַ שטויבעלע מען ווערט.

געוויס זיך דערוויסן, מיט גוט געוויסן,
אַ שטויבעלע צומאָל דאָס לעבן נישט ווערט.

און איז נישט דאָס די זכיה פון דער ליבע,
דורך איר דעם אמת צו קענען דערגיין,
גאָר דעם גרעסטן פון אַלע שוין, דעם טיפסטן :
אַ ליגן צומאָל דער אמת אַליין — —

ווער נאָר עס דערלעבט עס און ווער ס׳איז זוכה,
לענגער זיין ליגן געצויגן זאָל זיין.

## א ליד

כ׳האָב איינגעפּאַסט דיין שיינקייט אין טרוימען,
אָבער ווי לאַנג קענען חלומות אויסהאַלטן ?
וועלקנדיקע, זיי וועלן פאַרשווינדן,
נאָך אידער דיין פּנים באַקומען וועט פאַלטן.

די געטאָקטע קנעכל פון דיינע פיס,
אין בראָנזעלעטן געשלאָסן און געפאַנגען ;
מיט דיין יעטווערן דערוויטערטן טריט,
פאַרלאַשענער וועלן אַלץ ווערן די קלאַנגען.

אין באַמבלדיקע אוירינגלעך פּערל —
הענגען אין דיינע אויערן ווערטער ווי טרערן — —
אַז צו זיך אַליין איך האָב זיי גערעדט,
איז ווי אַזוי געקענט זיי האָסט דו דערהערן ?

נאָר דיינע בליקן אין מיין ליד פאַרשמידט,
אין געהעמערטן גאָלד פון האַרצן געריסן,
וועלן ליכטיק נאָך גלאַנצן און פינקלען,
ווען צאָן פון צייט האָט אונז ביידע שוין צעביסן.



# א. מ. קייזער

## אויף דעם־א יום־טוב ווארטן מיר !

(פון אַ רעדע אויפן קבלת־פּנים לכבוד שלום אַשן אין לאָנדאָן)

ויהי בימי פּרץ. אין אָנהייב פון אונזער יאָרהונדערט. קומט צופאָרן אַ יונג בחורל פון קוטנע צו אונזער גרויסן רבין, צו פּרצן, און דערלאַנגט אים אַ כתב־יד ; אַ מעשהלע מיטן נאָמען „משהלע". לייענט עס פּרץ אַדורך. געפעלט עס אים. דאָס בחורל האָט קענטיק טאַלאַנט. הייסט ער אים דאָס מעשהלע אָפּדרוקן אין „יוד". און כך־הווה.

דער נאָמען פון בחורל : ש ל ו ם  אַ ש .

דאָס יאָר : 1900.

זיין ערשטע דערציילונג.

פון „משהלע" ביז „משה" — וואָס׳אַראַ מהלך און וואָס׳אַראַ שטיק לעבן איז דורכגעגאַנגען דורך אַשס פריזמע אין משך פון די צוויי און פופציק יאָר. און ווי אַזוי האָט זיך עס ביי אים אויסגעפורעמט — דאָס קאָן דאָ על רגל אחת נישט אָפּגעשאַצט ווערן. פון „משהלע" ביז „משהן", דער גאַנצער אַש שבכתב, איז אַ טעמע אַ געוואַלטיקע פאַר די קומענדיקע געשיכטע שרייבער פון דער יידישער ליטעראַטור.

* * *

אַש איז דער „שלמה נגיד" אין דער טעמאַטיק פון דער יידישער ליטעראַטור. דער קאָלאָריטרייכסטער. ער האָט זיך נישט באַנוגנט מיטן פּויליש־יידישן לעבנס־שטייגער, וואָס איז אים געווען אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן, נאָר ער איז אַוועק אין ווייטע ווייטקייטן, אין געשיכטלעכע האָריזאָנטן, געשפּרייזט איבער תקופות גאַנצע.

און וואָס׳אַראַ קפיצת־הדרך — פון דער קליינער נאָוועלע צו דער דראַמע, און פון דאָרט צום גרויסן ראָמאַן, וואָס האָט געפונען זיין אָרט אין דער מזרח־וואַנט פון די וועלט־יצירות. אַש דער „פּורץ־גדר" האָט צענומען די גראַטעס און אויסגעברייטערט דאָס באַגרענעצטע פעלד פון דער יידישער ליטעראַטור.

* * *

ארץ־ישראל און אַלץ וואָס איז מיטן לאַנד צונויפגעבונדן, איז אַשס אַ רייצנדיקע טעמע. דאָס איז זיין מילך־וועג.

פרעגט זיך : מה ראה על ככה ? וואָס האָט אים באַוויגן מקדיש צו זיין אַזוי פיל יצירה צו דעם־אָ בידנעם לענדל ? איז דער תירוץ : ע ר ד !

די עיקר־ראָלע אין דער ליטעראַטור פון אַ פאָלק, איז די ערד. אַ פאָלק וועבט אויס זיין לעבנס־שטייגער, נישט אין הימל און נישט אין דער לופט,

נאָר אויף דער ערד. די שטילע האַרציקע „מאַמע־ערד" שטופּט אירע מילדוואָרצלען אין מויל פון פאָלק, גיט אים אַוועק איר דם־התמצית, איר נשמה, און די־אַ נשמה שפּיגלט זיך אָפּ אין דער ליטעראַטור.

אַש, דער אירדישער, טיף־איינגעוואָרצלטער און קערנדיקער, האָט אַנדערש נישט געקאָנט ווי באַהעפטן זיך מיט דער ייִדישער ערד.

> „מאַמע־ערד — זאָגט אַש דורכן מויל פון זיין העלדין יוסטינע — איך
> בין דיין קינד, פון דיר געקומען, צו דיר גיי איך צוריק, נעם מיך מיט,
> טוליע מיך צו דיין ברוסט... טוליע מיך אין דער טיפעניש פון דיין סוד..."

ביי אַשן איז די ערד הייליקער פונם הימל. און דאָ האָט ער מורד געווען אין זיין רבין, אין פּרצן. דער שפּיץ פון פּרצס לייטער דערגרייכט צום הימל, העכער און העכער — אויב נישט נאָך העכער! ביי פּרצן גייען די מלאכים אַרויף, בעת ביי אַשן איז פאַרקערט — די מלאכים גייען אַראָפּ. אַש איז אַ בונטאַר, ווייל „ליטעראַטור — האָט ער אַמאָל געזאָגט — איז אין תוך רעוואָלוציע. מען ברעכט כסדר די איינגעשטעלטע נאָרמעס און פאָרמען". אַש לעבט נישט אויפן אָלימפּ, וו ער חלומט זיין לעתיד־לבואדיקן חלום. ער איז דינאַמיש, לעבט מיט אַלע מהפכות און אויפטרייסלונגען פון אונזער לעבן.

און וו האָט איר אַ גרעסערע רעוואָלוציע ווי אונזערע, ווען אַ פאָלק שטייט אויף, גייט זיך באַפרייען פון זיינע גלות־קייטן און גייט צוריק דערווערבן זיין ערד? היינט — די ראָמאַנטיק פון אַזאַ אויפשטאַנד.

און דערפאַר געפינען מיר אים שוין אין 1907 אין ארץ־ישראל. ער איז אפשר געווען דער ערשטער פון די ייִדישע שרייבער, אפילו נאָך פאַר סאָקאָלאָוון, וואָס האָבן באַזוכט דאָס לאַנד. פון דאַמאָלט אָן האָט ער אויף זיין שאַפונגס־שנור אָנגעשנירלט אַזעלכע פּערל, ווי „אין ארץ־ישראל", „ביבלישע מאָטיוון", „מעשהלעך פון חומש" — אונזער מאָדערנע צאינה־וראינה. די ביבלישע דראַמע „יוסף", „יפתחס טאָכטער", „אמנון און תמר", די פּאָעמע „חורבן בית־המקדש"; היינט — „מערי" און „דער וועג צו זיך", וו דאָס נייע ארץ־ישראל טויכט אויף אין אַלע אירע בונטע פאַרבן.

פון 1907 ביז 1952 האָט אַש געמאַכט כמה נסיעות קיין ארץ ישראל און יעדעס מאָל איז ער פון דאָרט צוריקגעקומען מיט פולע קוואַליקע עמערס, וואָס האָבן שימערירט מיט זייערע רעגנבויגנדיקע קאָלירן.

* * *

און פונדעסטוועגן, נישט קוקנדיק אויף זיין שווערלייביקייט אין אונזער ליטעראַטור, קאָן אַ פרעמדע אָנגעלאָפענע כוואַליע אים געבן אַ שטויס און פאַרטראָגן העט־העט ווייט. אַש ווערט געטריבן פון פאַרשידענע השפעות און ווירקונגען. פאַר די־אַ אָנגעלאָפענע כוואַליעס האָט פּרץ שטאַרק מורא געהאַט. אין זיין באַרימטן אַרטיקל „וואָס פעלט אונזער ליטעראַטור?" (1910) האָט פּרץ געזאָגט, אַז „מיט אַ פרעמדער נשמה קאָן מען נישט לעבן, פון אַ פרעמדן ווילן



קאָן מען ווערן באַאיינפלוסט, זאָגאַר סוגעסטואירט — לעבן מיט אַ פרעמדן ווילן קאָן מען נישט". רעדנדיק דאַמאָלט וועגן די נייע אויפגעקומענע יונגע שרייבער, האָט פּרץ קלאָר און בולט אונטערגעשטראָכן, אַז „זיי שפּילן זיך מיט פייער, און ביים פרעמדן פייער ווערן נשמות פאַרברענט".

און אַשן, דאָס באַליבטסטע קינד זיינס, דעם תלמיד־מובהק, האָט ער באַזונדערס פאָטערלעך געוואָרנט. ער זאָל נישט נכשל ווערן דורך די פרעמדע השפעות. באַלד ווען אַש איז איבערנאַכט אַזוי מפורסם געוואָרן אויף די אייראָפּעישע בינעס, האָט פּרץ אין אַן אַרטיקל איבער אַשן, פאַרעפנטלעכט אין „ליטעראַטור און לעבן" אין 1907, געשריבן:

> „אַש, נישט אַש נאָך אויסגעלאָשענעם פלאַם, נאָר שלום אַש, וואָס צעפלאַמט זיך אַלץ העכער און העכער: „שטעטל", „משיחס צייטן", „אל
> נקמות"... פון אַשס ליכט־זייטן דאַרף מען היינט שוין נישט רעדן... ס'איז
> שוין צייט פון אַשס פעלערן צו רעדן, ווייל, וואָס גרעסער דער בוים,
> גרעסער איז זיין שאָטן, און וואָס טאַלאַנטפולער דער דיכטער, אַלץ
> שעדלעכער, וואָרום צו אַלעם אָנשטעקענדער זיין פעלער".

און מיט גרויס ליבשאַפט, כמעט מיט אַ גלעט איבערן קאָפּ, ווייזט פּרץ אָן אויף די פעלערן, וואָס זענען דאַמאָלט געמאַכט געוואָרן אין אַשס דראַמעס צוליב אַ קליינִיקייט — צוליב „אַ חנדל צו יענעם צד איבער דער ייִדישער גרעניץ אַריבער". אין „משיחס צייטן", וואָס איז ווי פּרץ האָט געזאָגט „אַ מאָלעריש צייט־בילד, נאָר אַ געפליגלטס, וואָס רירט מיט די שפּיץ־פליגל די העכסטע סימבאָלן" זענען די פעלערן באַגאַנגען געוואָרן צוליב „אַ חנדל צו דער פוילישער זייט", און אין „גאָט פון נקמה", וואָס פּרץ באַצייכנט אַלס „גרויסאַרטיק ווערק", איז — „צוליב אַ חנדל צום קריסטלעכן עולם".

פּרצן איז קענטיק נישט צום האַרצן אָט די „חנדלעך", וואָס דאָס בןזקונימל זיינס מאַכט אַזוי אָפט. ער פילט אויף אונזער ציטער, און ער טרייסט אונז אויף זיין נבואהשן אופן:

> „אַש, דיכטער, וועט אונז אָפּטריניק נישט ווערן... דאָס פרעמדע לעבן
> וועט אים אייביק זיין פרעמד, נאָך פרעמדער — די פרעמדע שפּראַך...
> אַש איז, וועט און מוז בלייבן אַ ייִדישער שרייבער"...

כה אמר פּרץ.

* * *

פון זיינע צוויי און זיבעציק יאָר, וואָס אַש האָט אַקאָרשט אָפּגעציילט, האָט ער צוויי און פופציק יאָר פאַרקנסט צום לעבעדיקן ייִדישן וואָרט. אַש, דער כהן־הגדול פון אונזער ליטעראַטור, שטייט נאָך ביי דער עבודה, און שפּרענקלט אונזער לעבן מיטן מאַרך און בלוט פון זיינע יצירות.

און, אַז דער כהן־הגדול, שטייט ביי אונז געשריבן, איז אַרויס פון קודש־הקדשים אָן אַ פּגע און אָן אַ מכשול, האָט ער געמאַכט אַ גרויסן יום־טוב.

אויף דעם־אַ יום־טוב וואַרטן מיר.

ש. י. דאָרפּזאָן

# ביי מיין עמוד

(נאָטיצן)

## 1. איז אויך ענגליש אַ „לאַדינאָ"־שפּראַך?

שוין יאָרן, ווי מיר אַכצן און זיפצן וועגן דעם פינסטערן מזל פון אונזער מאַמע־לשון דאָ אין לאָנדאָן און אין אַנדערע שטעט פון מלכות ענגלאַנד; וועגן דער ביטערער מערכה פון יידישן בוך (וואָס דערשיינט לעצטנס אַזוי זעלטן); וועגן דעם וויסטן גורל פון דער יידישער פּרעסע און טעאַטער, וואָס האָבן אַמאָל אַזוי שטאַרק באַרייכערט און באַפרוכפּערט דאָס יידישע לעבן.

יידישע שרייבער און קולטור־טוער, וואָס אָטעמען זייער לעבן־לאַנג מיט אונזער לשון און לעבן זיך אויס אין דער יידישער שפּראַך מיט וועלכער זיי זיינען ממש געבוירן געוואָרן האָבן, ווילט זיך זאָגן, אַ „מאָראַלישע קאָנצעסיע" צו זיין פאַרביטערט און פאַרוויטיקט איבער דעם חורבן פון אונזערע קולטור־אוצרות, וועלכע דער היטלעריזם האָט אַזוי מוראדיק פאַרטיליקט.

אַנדערש, גאָר אַנדערש איז דער פאַל, ווען אויך די אַסימילאַטאָרן ווילן אונז אַ „טובה" טון און זעצן זיך מכלומרשט „שבעה" נאָך אונזער שפּראַך און שרייבן אין זייערע „פּעיפּערס" אַ פּאָר „סימפּאַטישע" ווערטער וועגן דעם יידישן לשון, וואָס ווערט ביי זיי שוין פאַררעכנט אַלס אַ מין „לאַדינאָ"־שפּראַך אויף וועלכער עס האָבן אַמאָל גערעדט די פון שפּאַניע פאַרטריבענע יידן.

ווען עס האָט זיך פאַרמאַכט די איינציקע יידישע צייטונג אין לאָנדאָן, האָבן די היגע יידיש־ענגלישע „פּעיפּערס" געשריבן „הספדים" און אויסגעדריקט די „איבערצייגונג", אַז דאָס יידישע לשון (וואָס האָט אונטער זיך אַ יחוס פון אַ טויזנט־יעריקער פאַרגאַנגענהייט), האָט מער נישט קיין צוקונפט, און אַז די יידישע שפּראַך וועט אין גיכן געהערן צו די אַנטיקוויטעטן לשונות, ווי למשל דאָס שוין פאַרגעסענע „לאַדינאָ"־לשון...

ווען עס הערט אויף צו דערשיינען אַן ענגלישע טאָג־צייטונג אָדער אַ זשורנאַל וועט עמיצן איינפאַלן צו זאָגן, אַז דאָס ענגלישע לשון גייט אונטער?

אָט איז אין לאָנדאָן אָקאָרשט אונטערגעגאַנגען אַ גאָר פיין רעדאַגירטער זשורנאַל „דזשואיש מאָנטהלי", וואָס איז געווען דער כמו־אָפיציעלער קולטורעלער אָרגאַן פון דער היגער אַסימילאַטאָרישער אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „אַנגלאָ־דזשואיש אַסאָסיאיישאָן". לערך 12 יאָר איז דערשינען דער דאָזיקער חודש־זשורנאַל, וואָס האָט פאַרשלונגען אַ בודזשעט פון שווערע טויזנטער פונטן און — ער האָט זיך באַ'נפטר'ט! נו, וועט עמיצער פון אונז וואַגן צו זאָגן, אַז דאָס ענגלישע יידנטום פאַרמאָגט נישט די נייטיקע פינאַנציעלע כוחות אַרויסצוגעבן כאָטש אַן איינציקן ליטעראַרישן חודש־זשורנאַל אָדער — אַז דאָס ענגלישע לשון „גייט אונטער", ווי דאָס האָבן ערשט נישט לאַנג צוריק געשריבן די היגע יידיש־ענגלישע „פּעיפּערס" . . .

ווען מען מאַכט אַ שטיקל סך הכל ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס קליינע, אַזוי



פאַרגליווערטע אינזעלע אויף וועלכן עס לעבט דאָך דאָס „יידישע לשון" אין לאָנדאָן, פאַרמאָגט מער שעפערישקייט און וויטאַליטעט וויפיל עס פאַרמאָגט דאָס „אַנגלאָ־דזשורי"; אַז צענדליקע טויזנטער יידן לייענען נאָך אַ יידישע צייטונג, וואָס דערשיינט אין לאָנדאָן און וואָס קומען אָן פון אויסלאַנד; אַז אַ געוויסע צאָל יידן באַזוכן דאָס היגע יידישע טעאַטער זעקס מאָל אין דער וואָך און איך בין מער ווי זיכער, אַז ווען עס דערשיינט איצט אין לאָנדאָן אַ יידישע טאָג־צייטונג, וואָלט זי געהאַט אַ גרעסערן טיראַזש, ווי עס האָט געהאַט די אַזוי טראַגיש אונטערגעגאַנגענע „די צייט", וואָס האָט נישט געטאָרט אונטערגיין!

איך בין געווען אַ בעלן צו מאַכן אַ חשבון, ווי שטאַרק עס איז די צירקולאַציע פון די יידיש־ענגלישע וואָכנבלעטער און צוויי וואָכן־צייטונגען, וואָס דערשיינען אין לאָנדאָן און אויף דער ענגלישער פּראָווינץ.

וואָס שטעלט זיך אַרויס? אַז די לערך 500 טויזנט יידן וואָס וווינען אין מלכות ענגלאַנד, באַנוצן זיך בלויז מיט לערך 75 טויזנט עקזעמפּלאַרן אַ וואָך! אין אַנדערע ווערטער: יעדער 7־טער ייד אין ענגלאַנד קויפט אַ יידיש־ענגלישע וואָכנצייטונג...

אָט איז אַ צווייטער חשבון:

די 40 טויזנט יידן פון קאָוונע, למשל, האָבן זיך געניטיקט אין 4 יידישע טאָג־צייטונגען; די 300 טויזנט יידן פון וואַרשע האָבן געלייענט טעגלעך 5 טאָג־צייטונגען און 3 אָוונט־בלעטער; און דער זעלבער נמשל גילט אויך פאַר ווילנע, ריגע, לעמבערג און פאַר אַנדערע שטעט אין דער פּוילישער פּראָווינץ, וואָס האָבן ממש „פאַרשלינגען" אַ שלל מיט יידישע טאָג־צייטונגען, וואָכנבלעטער, חודש זשורנאַלן און אַנדערע אויסגאַבעס, נישט אַריינגערעכנט די גרויסע צאָל ביכער, אָריגינעלע און איבערזעצונגען פון ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש און פון אַנדערע שפּראַכן.

דער זעלביקער טרויעריקער מצב הערשט אויך ביי די אַסימילירטע יידן פין אַמעריקע, פראַנקרייך און אין אַנדערע ישובים. דאָרט ווו די יידן האָבן זיך גייסטיק אויסגעליידיקט פון יידישן לשון, האָבן זיי אָנגעהויבן צו גיין באַרג־אַראָפּ און זיך דערקייקלט צו אַ טיפן עם־האַרצישן אָפּגרונט!

## 2. אין חדר אריין?

ווען אַ לאָנדאָנער יידישער שרייבער אָדער זשורנאַליסט קומט אַמאָל קיין אויסלאַנד, באַגעגנט ער זיך מיט אַ געוויסן ביטול מצד די דאָרטיקע קאָלעגן און קולטור־טוער, וואָס נעמען אויף דעם לאָנדאָנער יידישן גאַסט אויף אַ גאָר נישט פריינטלעכן אופן. די לאָנדאָנער יידישע שרייבער־משפּחה האָט אַ שם־רע, אַז זי איז נישט קאַפּאַבל אָנצושרייבן אַ ריכטיקן יידישן זאַץ; אַז דאָס רוב פון זייערע אַרויסגעגעבענע ביכער זיינען כלו־גראַפאָמאַניע; אַז דאָס יידישע לשון איז עפּעס אַ וויסטער דייטשמערישער „זשאַרגאָן"; אַז עס הינקט שטאַרק אונטער די אָרטאָגראַפיע; אַז עס פעלן די ריכטיקע פּונקטאַציעס און

בכלל — לאָנדאָנער יידישע שרייבער ווערן אין אויסלאַנד פאַרשריען אַלס מיטלמעסיקע טאַלאַנטלאָזיקייטן, וכדומה.

אויף וואָס, איגנטלעך, שטיצן זיך די דאָזיקע באַהויפּטונגען אָדער באַשולדיקונגען ? ווו איז דער אמת און דער שקר ?

ווען מיר ווילן זיין אויפריכטיק צו זיך אַליין מוז מען, צום באַדויערן, מודה זיין, אַז אין די דאָזיקע באַהויפּטונגען שטעקן אַ סך ביטערע אמתן!

ווען מען בלעטערט נאָך אַ טייל פון די יידישע טאָג־צייטונגען, וואָכנבלעטער און חודש זשורנאַלן, וואָס זיינען דערשינען אין לאָנדאָן אין די לעצטע 50 יאָר, דאַרף מען זיך ממש אָנכאַפּן פאַרן קאָפּ ווי אַזוי דאָס רוב פון די היגע יידישע פען־מענטשן האָבן אויף אַ מוראדיקן אופן פאַגראַמירט (יאָ, פּראָסט און פשוט — פאַגראַמירט!) דאָס יידישע לשון! זעלטן, אַז עמיצער פון די היגע יידישע פען־מענטשן, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט אין די היגע יידישע אויסגאַבעס, האָבן געשריבן אַ ריכטיקן יידיש.

איך וויל דאָ נישט רעדן וועגן דעם ווילד־גראַז און קוריאָזיטעטן, וועגן דעם שרייענדיקן עם־הארצות, וואָס מען באַגעגנט אין די אַרטיקלען, רעפּאָרטאַזשן, אַנאָנסן און נאָטיצן, נאָר טאַקע וועגן די פּונקטאַציעס, וואָס זיינען אַ גדר פאַרן וואָרט, פּונקט ווי נאָטן שאַפן די מוזיק. זעלטן־ווען, אַז עמיצער פון זיי האָט אָנגעשריבן די קלענסטע נאָטיץ און זי ריכטיק פּונקטירט מיט צייכנס, וכדומה.

חוץ דעם: נאָך עד־היום באַנוצן זיך אַ צאָל יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן מיט דייטשמעריזמען, הגם עס זיינען פאַראַן יידישע ווערטער, וואָס דערזעצן די דייטשמערישע ווערטער און באַגריפן.

אַנשטאָט, אַז אַ יידישער שרייבער, וואָס איז נישט קיין בקי אין יידישן לשון און אין דעם ריכטיקן יידישן אויסלייג, זאָל זיך מטריח זיין און עמיצן ווייזן זיין כתב־יד, כדי אים אַ ביסל אויסצוקאָרעגירן און ריכטיק שטעלן די פּונקטאַציעס, האָט ער איגנאָרירט דעם דאָזיקן וויכטיקן כלל. ער האָט בכלל זיך נישט גערעכנט מיט דעם עסטעטישן געשמאַק פונם דעת־הקהל און אוודאי נישט מיט דער מיינונג, וואָס מען האָט וועגן אים אין דעם יידישן אויסלאַנד. אָבער ווען דער זעלביקער יידישער שרייבער באַגעגנט אַ „קאַלטע באַציאונג" מצד זיינע קאָלעגן אין אויסלאַנד, האָט ער צו זיי טענות.

אָט דאָס איז די סיבה, הלמאי מען באַציט זיך צו די לאָנדאָנער יידישע שרייבער אַזוי ביטולדיק און אומפריינטלעך, ווייל מען האָט וועגן אונז אַ שלעכטע, גאָר שלעכטע מיינונג. כדי דאָס צו פאַרמיידן דאַרפן מיר געדענקן דעם עיקר:

טאַלאַנט איז, זאָגט מען, אַ גאָט־זאַך. אָבער ריכטיק אָנשרייבן אַ יידישן זאַץ און אים אויך ריכטיק פּונקטירן, דאָס איז אַ פראַגע פון פשוטן ווילן און — קענען!...

הכלל: אין חדר אַריין...



## 3. אַ יאָר „יידישע שטימע"

געווען ביי אונז אַמאָל אַ מנהג, אַז ווען אַ יידישער זשורנאַל אָדער אַ צייטונג האָט אָנגעיאָגט דעם 25־טן יאָר פון איר עקזיסטענץ, האָט מען געפּראַוועט אַ כשר־פאַרדינטן יום־טוב. און ווער שמועסט נאָך, אַז ווען אַ יידישע אויסגאַבע האָט (מיט ווייניקע אויסנאַמען) דערגרייכט צו אַ 50־יעריקן עלטער, איז דער יום־טוב געווען אַ דאָפּלטער!

דאָס איז געווען אַמאָל...

איצט, ווען דאָס יידיש־שאַפערישע לעבן איז געוואָרן אַזוי איינגעשרומפּן און די מעגלעכקייטן אַזוי באַשרענקט, פרייט מען זיך אפילו מיט אַן איין־יאָריקן „יובל".

אַזאַ מין יום־טוב האָט אָקאָרשט געפּראַוועט די לאָנדאָנער יידישע וואָכנצייטונג „די יידישע שטימע", וואָס דערשיינט דאָ אַלס אַ מין יורש נאָך דער אונטערגעגאַנגענער טאָג־צייטונג „די צייט".

בעת דעם באַשיידענעם יום־טוב, וואָס איז געפייערט געוואָרן לכבוד דער פריער־דערמאָנטער וואָכנצייטונג אין דעם היגן „יידישן זשורנאַליסטן און ליטעראַטן פאַראיין", האָבן די רעדנער אונטערגעשטראָכן דאָס עקשנות פון בן־א. סאָבאָטשעווסקי, דעם רעדאַקטאָר פון דער „יידישער שטימע" און פון די פּאָר געציילטע מענטשן, וואָס האָבן אים געהאָלפן גריינדן די צייטונג.

עס איז געווען אַ וויכטיקע און — לאָמיר דאָס קאָנסטאַטירן — אַ געוואָגטע, אָבער בשום־אופן נישט קיין „אַוואַנטוריסטישע" אונטערנעמונג; יידיש לאָנדאָן קאָן נאָך ב"ה פאַרטראָגן אַ יידישע וואָכנצייטונג און איך בין נאָך אַלץ זיכער און איבערצייגט, אַז עס איז דאָ אַ גאַנגבאַר פעלד אויך פאַר אַ יידישע טאָג־צייטונג.

עס קאָן נישט זיין קיין רייד, אַז די דאָזיקע יידישע וואָכנצייטונג, הגם זי איז אַזוי נויטיק פאַרן היגן יידישן ישוב, דערפילט ווי געהעריק איר אויפגאַבע און האָט לעת־עתה זיך שוין דערוואָרבן דעם כבוד און פּרעסטיזש ביים היגן יידישן כלל. עס וועט דויערן אַ געוויסע צייט, ביז זי וועט, אפשר, דערפילן אונזערע דערוואַרטונגען, און די צייטונג וועט, סוף־כל־סוף ווי געהעריק מדקדק זיין דאָס יידישע לשון, אָרטאָגראַפיע, פּונקטאַציעס און וועט באַזייטיקן די ענגלישע „זשאַרגאָניזמען", דייטשמעריזמען און ענלעכע „איזמען".

ווען איך לייען די פאַרשידענע יידישע וואָכנבלעטער, וואָס איך באַקום פון פּאַריז און פון אַנדערע לענדער, בין איך ממש מקנא די דאָרטיקע רעדאַקטאָרן, **וואָס ווייזן אַרויס אַזאַ פיינעם חוש פאַרן יידישן וואָרט**, וואָס ווערט אַזוי געצערטלט און אָפּגעהיטן.

ווילט זיך טאַקע ווינטשן פון גאַנצן האַרץ, אַז אויך די לאָנדאָנער „יידישע שטימע" זאָל גיין אין די דרכים פון די יידישע וואָכנבלעטער פון אויסלאַנד און מיר זאָלן מער זיך נישט דאַרפן שעמען פאַר אונזערע אויסלענדישע קאָלעגן.

אליהו פאלושאק

# אפקלאַנגען

## 1. אַ קול אין דזשונגל

אין אונדזער מאָדערנער באַוועגלעכער צייט שפילט דאָס גערעדטע און געשריבענע וואָרט אַ גרעסערע ראָלע ווי פאַרצייטנס. אין דער איצטיקער עפּאָכע פון אַ ווייט פאַרשפרייטער און פאַרצווייגטער פרעסע, גרויסע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, מאַסן־באַוועגונגען און ראַדיאָ דרינגט דאָס וואָרט אין זיין פּראָפּאַגאַנדער אָדער פאַראיידלטער פאָרם צו אַ גרעסערער צאָל מענטשן, ווי אַמאָל. דאָס וואָרט קען פירן צום גוטן אָדער צום בייזן, האָבן אַ גוטע אָדער שלעכטע השפעה, און אָנגעווענדט מיט אויסערגעוויינטלעכער דעמאַגאָגיע, אויסנוצענדיק געוויסע נאַציאָנאַל־פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן און שוואַכקייטן, קען דאָס „אומשולדיקע" מענטשלעכע וואָרט דערפירן צו אַ צערודערונג און בעסטיאַליזירונג פון אונדזער מענטשלעכער געזעלשאַפט; צו ווילדקייט און באַרבאַריי. דאָס האָט אונדז באַוויזן אין אַ געניגענדער מאָס דער אויפשטייג פון היטלער ימח שמו און זיין באַוועגונג.

איך זאָג דאָס דאָ אין צוזאַמענהאַנג מיט די אַמאָליקע דרשות פון קאַרדינאַל מיכאַעל פאָן פוילהאַבער, געוועזענער ערצבישאָף פון מינכען אין בייערן, וועלכער איז געשטאָרבן מיט עטלעכע טעג צוריק.

די דאָזיקע דרשות זיינען באַזונדערס ווערט צו ווערן דערמאָנט צוליב דער אויפרודערונג און שאַרפע דיסקוסיעס, וואָס עס האָבן אַרויסגערופן געוויסע פון די לעצטע ווערק פון אונדזער גרויסן עפּיקער שלום אַש: „דער מאַן פון נצרת", „מערי" און „דער אַפּאָסטעל"; ווערק, וועלכע קענען אָדער זאָלן לויט דער מיינונג פון שלום אַש ברענגען צו אַ דערנענטערונג פון יידנטום און קריסטנטום, און וועלכע, לויט דער מיינונג פונם גרעסטן טייל יידישע לייענער און דער קריטיק, זיינען נישט דער אמתער אויסדרוק און אָפּקלאַנג פון דער קריסטלעכער עפּאָכע אין אונדזער געשיכטע, ווען דאָס קריסטנטום שיידט זיך אָפּ און שיילט זיך אַרויס פונם יידנטום און ווערט אַ וועלט־רעליגיע.

עס איז דער סוף פונם יאָר 1933, אין דער הייסער צייט פון דער „דייטשער רעוואָלוציע", ווען נאַציזם ווערט די טאָטאַלע און איינציק־דערלויבטע וועלט־אַנשויאונג פונם דייטשן פאָלק. עס איז די צייט פון סיסטעמאַטישער דייטש־נאַציסטישער גלייכשאַלטונג און אויסשאַלטונג פון דער יידישער מינאָריטעט פון אַלגעמיין־דייטשן לעבן: פּאָליטיק, ווירטשאַפט, וויסנשאַפט, ליטעראַטור, קונסט, פּרעסע און טעאַטער. דער טעראָר קעגן יידן האָט שוין געהאַט אָנגענומען פאָרמען, וואָס האָט געצוווּנגען זיי, די יידן, צו לעבן אין אַ גייסטיקן געטאָ. די קאַטוילישע קירך אַלס גאַנצקייט פאַרהאַלט זיך שטיל, רואיק, אָפּוואַרטנדיק און רעזערווירט. די לוטעריש־עוואַנגעלישע קירך, כאָטש זי מאַרשירט מיט דער היטלער־באַוועגונג און וואַרפט זיך אונטער דער „גלייכשאַלטונג", געפינט זיך אין סטאַדיום פון צעטיילונג און שפּאַלטונג. עס אַנטשטייט די באַוועגונג „דייטשע קריסטן" מיט אַ בלאַנדען „גערמאַנישן היילאַנד", מיט אַ נייעם נוסח פון די עוואַנגעליען און דער פאַרניינונג פונם אַלטן טעסטאַמענט (אונדזער תנ"ך) אַלס טייל פון מאַרטין לוטערס „דויטשער ביבעל". וועלטאַנשויליך איז נאַציזם געשטאַנען אין סתירה צום קריסטנטום אין אַלע דערציאונגס־פראַגן. פון די שולן און דער יוגנט האָט געזאָלט באַזייטיקט ווערן יעדע באַציאונג צו דער „יידיש־סיריש־פאָדער־אַזיאַטישער" רעליגיע, וואָס האָט איר אורשפּרונג אין אַ „יידישן גאָט", יידישע אַפּאָסטעלן און אַ יידישער תורה.

די קאַטוילישע קירך האָט זיך פאַרהאַלטן רעזערווירט און אָפּוואַרטנדיק. אַלס ציוויל־באַפעלקערונג האָבן די קאַטאָליקן געדינט היטלערן געטריי, לויט דער דעוויזע: גיב צעזאַרן וואָס איז צעזאַרס, און גאָט וואָס איז צו גאָט.

אין יענער צייט, אין פיר אַדווענטס־זונטיקס (דאָס זיינען די זונטיקס פאַר קריסטמעס) און אין דער סילוועסטער נאַכט פון יאָר 1933 האָט קאַרדינאַל פאָן פוילהאַבער געהאַלטן פינף דרשות אין דער קירך פון סאַנקט מיכאַעל, די גרעסטע קירך אין מינכען. ריזיקע מאַסן זיינען געקומען צו די דאָזיקע דרשות אַזוי, אַז די צוויי שכנותדיקע קירכן: די שטודיען־קירך און דער בירגער־זאַל האָבן איינגעאָרדנט פאַראַלעל־פאַרזאַמלונגען, פאַרבונדן מיט הילכערס. די דאָזיקע דרשות זיינען געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין בוך־פאָרם אין פאַרלאַג א. הובער, מינכען, און דערשינען אין 1934 אין ענגלישער איבערזעצונג אין פאַרלאַג בוירנס אָאַטס ענד וואָשבורן לטד. אונטער דעם נאָמען: „דזשודאַאיזם, קריסטיאַניטי ענד דזשערמעני" (יידנטום, קריסטנטום און דייטשלאַנד).

אַ באַזונדערן ווערט פאַר אונדז יידן האָבן די מוטיקע ווערטער אין די ערשטע דריי סערמאָנס אונטער די טיטולען:

1) די רעליגיעזע ווערטן פונם אַלטן טעסטאַמענט און זייער דערפילונג אינם קריסטנטום;

2) די עטישע ווערטן פונם אַלטן טעסטאַמענט וכו';

3) די סאָציאַלע ווערטן אינם אַלטן טעסטאַמענט.

עס טאָרן נישט פאַרשוויגן ווערן פאַר אַ יידישער עפנטלעכקייט די מוטיקע ווערטער (אין דער דאַמאָלטדיקער וועלט פון שנאה) פון אַ קאַטוילישן דייטשן קאַרדינאַל, און וואָס ער האָט געזאָגט איבער די פערמאַנענטע רעליגיעזע ווערטן פון תנ"ך. פון אַלע פעלקער פון דער פאַר־קריסטלעכער צייט האָט קיינער נישט געשאַפן אין געשיכטע און ליטעראַטור עפּעס, וואָס קאָן זיך פאַרגלייכן מיטן חומש, מיט מלכים, מיט איוב, קהלת און די נביאים. ווערטלעך האָט ער געזאָגט (און דאָס קענט איר לייענען אין דעם אויבן־דערמאָנטן בוך): „די געשיכטע וועט דעם פאָלק ישראל אויסשטעלן אַזאַ סערטיפיקאַט: איר האָט זיי (די אַנדערע פעלקער, א. פ.) אַלע איבערגעשטיגן מיט דער מאָראַלישער גרויסקייט פון אייער רעליגיע. פון אַלע פעלקער פון דער אַנטיקער וועלט האָט איר אַרויסגעוויזן די איידלסטע רעליגיעזע ווערטן".

ווייטער זאָגט ער, אַז דאָס יידנטום פון דער פאַר־קריסטלעכער צייט האָט די דאָזיקע הויכע ווערטן נישט אַרויסגעבערנגט סתם פון זיך אַליין. זיי זיינען געוואָרן באַלויכטן „פון אַ רוח אלהים“, זייערע צונגען זיינען געווען בלייפעדערן פון גאָט. ער דערמאָנט די גרינגשעציקע באַמערקונג פונם פראַנצויזישן ביבל־קריטיקער רענאַן (געלעבט פון 1823 ביז 1892), וואָס האָט געזאָגט, אַז די ביכער פון תנ״ך זיינען אַ נאַטירלעכער פראָדוקט פון סעמיטישן געדאַנקען־גאַנג, און דער קאַרדינאַל פרעגט: „...פאַרוואָס האָבן די אַנדערע סעמיטישע פעלקער נישט געשאַפן, גאָרנישט, וואָס קאָן זיך מיט דעם פאַרגלייכן? די באַבילאָניער זיינען געווען מייסטער אין דער קונסט פון אַ וועלטלעכער ציוויליזאַציע, באַזונדערס אין דער קאָנסטרוקציע פון קאַנאַלן און פאַרטיפיקאַציעס, אָבער זיי האָבן נישט איבערגעלאָזן קיין שום ירושה אין דער געשיכטע פון רעליגיעס. די אַראַבער, אויך אַ סעמיטיש פאָלק, און נאָענטע שכנים פון די איזראַעליטן און זייערע בלוט־קרובים, זיינען פונם רעליגיעזן געזיכטס־פונקט געווען אַזוי אומפּרוכטבאַר, ווי דער זאַמד אין זייערע מדבריות. פאַרוואָס האָט גאָט גראַד אויסגעזוכט דאָס פאָלק ישראל אין דעם קליינעם ערד־ווינקל, וואָס מען רופט פאַלעסטינע, אַז עס זאָל זיין די מרכבה פון זיינע אָפּנבאַרונגען, דאָס בלייבט אַ מיסטעריע אין דער גנאָד פון דער השגחה פרטית“.

קאַרדינאַל פוילהאַבער שלאָגט אָפּ אַלע פאַרוואָרפן און באַשולדיגונגען קעגן דעם תנ״ך אַלס דערציאונגס־מיטל. עס הייסט, אַז גאָט האָט אברהם׳ן געהייסן ברענגען אַ מענטשלעכן קרבן. דאָס איז נישט אמת, מיינט פאָן פוילהאַבער. גאָט האָט נישט געהייסן ברענגען אַ מענטשלעכן קרבן. ניין, גאָט האָט אברהם׳ן נאָר געוואָלט אויספּרובירן און זען, צי ער קען ביישטיין דעם גרויסן נסיון פון גלייבן און געהאָרכן. אויך זאָגט מען, אַז דער ידישער גאָט איז אַ גאָט פון נקמה, בייז און ליידנשאַפטלעך, און ער ענטפערט, אַז שטרענגע צייטן פאָדערן שטרענגע ווערטער.

ער ווייזט אָן, אַז די דייטשע קלאַסיקער האָבן באַוואונדערט די שריפטן פונם אַלטן טעסטאַמענט. ביבלישע ציטאַטן קען מען געפינען אין די פריעסטע שאַפונגען פון דער דייטשער ליטעראַטור: אינם „געזאַנג פון ראָלאַנד“ (וואָס איז אין אַן אַנדערער ווערסיע אויך אַריינגעגאַנגען אין דער פרי־פראַנצויזישער ליטעראַטור, א. פ.), אינם „געזאַנג פון הייליקן גראַל“ (אַ הייליקער שריין פון מיטלאַלטערלעכן קריסטנטום) און אין וואָלפראַם פאָן עשענבאַכס „פאַרסיפאַל“. גאַנצע שטיקער פון דער אַלטער עפיגראַמאַטישער פאָעזיע האָבן אַריינגענומען אידייען און לאַנגע ווערטלעכע ציטאַטן פון קהלת און משלי. וואַלטער פאָן דער פאָגלוויידע און אַנדערע מינעזינגער זיינען געווען באַהאַוונט אין תנ״ך. אינם גאָלדענעם צייטאַלטער פון דער דייטשער ליטעראַטור איז עס געווען קלאָפשטאָק, וואָס האָט געשריבן דעם „מעסיאַס“ (דער משיח), הערדער, דער גרויסער לויברעדנער פון העברעאישער פאָעזיע, און געטהע, כאָטש ער איז נישט געווען איינגענומען פונם רעליגיעזן גייסט פון דער ביבל, זיינען געווען פאַרליבט אין דער שיינקייט פון דער תנכישער שפראַך. אין דער מאָדערנער דראַמע און



קאָמעדיע, אין די מיסטעריע־שפּילן און אין פּראָזע געפינען מיר אומצייליקע ציטאַטן פונם אַלטן טעסטאַמענט, כאָטש, ווי אין דער דראַמע „יהודית“ פון פרידריך העבבעל (נישט צו פאַרוועקסלען מיט העבעל מיט איין „ב“) ס׳איז בלויז רעפּראָדוצירט דאָס וואָרט און נישט דער גייסט פון דער ביבל.

„אויב מיר ווילן אָפּשטויסן דעם אַלטן טעסטאַמענט און אים באַזייטיקן פון אונדזערע שולן און אונדזערע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעקן, דאַן מוזן מיר זיך אויך אָפּזאָגן פון אונדזערע דייטשע קלאַסיקער“, איז געווען אַ מוטיק און אַ שטאַרק וואָרט אין יענער צייט.

אין זיינע ווייטערדיקע דרשות רעדט דער קאַרדינאַל מיט קלאָרקייט און שאַרפע ווערטער איבער די עטישע ווערטן פונם יידנטום און דעם אַלטן טעסטאַמענט: איבער די עשרת הדברות, איבער שבת, איבער דער ווירדיקער שטעלונג פון דער ידישער פרוי אינם יידישן פאַמיליען־לעבן, איבער כשרות, און ער פאַרגלייכט: „די געזעצן פון בבל דערגרייכן נישט דעם דאָזיקן הויכן עטישן סטאַנדאַרט. אפילו דאָס, וואָס ס׳איז גוט אין זייער לערע, איז פאַרמישט מיט אַבערגלויבן און כישוף, און זייערע געטער, באַזונדערס די געטין אשתרה, זיינען ווייט פון צו זיין מוסטערן פון זיטלעכקייט. די ליכטיקסטע זייט פון דער עטישער דאָקטרין אינם אַלטן טעסטאַמענט איז צו געפינען אין די עשרת הדברות פון סיני“.

ער ברענגט אויספירלעכע ציטאַטן פון חומש, נביאים, משלי, קהלת, טייטשט אויס דאָס גרויסע הומאַניטאַרע ווערק פון יוסף אין מצרים אַלס שני־למלך, דערציילט אויספירלעך די גרויסקייט פון משה אַלס באַפרייער, פאָלקס־פירער און געזעצגעבער, דערקלערט די גרויסע מענטשלעך־העראָאישע נאַציאָנאַלע טאַט פון יהודית, ווען זי דערהרגעט האָליפאַרנעס, און ער פרעגט זיינע באַיוואַרישע דייטשן: „וועט איר ערנסטלעך שטעלן די דאָזיקע העלדין פון דער ביבל, מיט איר ליד פון געטלעכן לויבגעזאַנג אויף אַ נידריקערער שטופע, ווי די גערמאַנישע קרימהילד (אין דער צייט פון די לעגענדאַרישע ניבעלונגען, א. פ.) מיט איר הימנע פון האַס?“ —— „נישט קוקנדיק אויף איר ליגנט, בלייבט יהודית אַ מוסטער פון ווייבלעכע גוטע מדות, נישט ווייל זי האָט געזאָגט ליגנס, נאָר ווייל זי האָט געליבט איר פאָלק און לאַנד“.

אינם דריטן סערמאָן שטעלט זיך דער רעדנער אָפּ אויף די סאָציאַל־עטישע ווערטן אינם אַלטן טעסטאַמענט: אַרבעטס־געזעצן, געזעצן וועגן שמיטה, געזעצן בין אדם לחברו, געזעצן וועגן וווכער („צו דיין ברודער זאָלסטו באָרגן, וואָס ער פאַרלאַנגט, אָן ציינזן“), גערעכטיקייט מוז אויך הערשן קעגנאיבער דעם פרעמדן, ווייל „אויך דו ביזט געווען אַ פרעמדער אין לאַנד מצרים“ און ער קומט צו דער מסקנה, אַז „דאָס וויגל פון דער מענטשהייט איז נישט אין גריכנלאַנד, נאָר אין פאַלעסטינע“.

ווי אַ דערלויכטונג קלינגען אינם דייטשן דזשונגל פון האַס פון יענע יאָרן דער אָפּשלוס פונם דריטן סערמאָן, אַז „דער אַלטער טעסטאַמענט האָט בייגעטראָגן מאַטעריאַלן פון גרויסע אייביקע ווערטן פאַר דעם אויפבוי פון אַ סאָ־

ציאַלער אָרדנונג פאַר אַלע צייטן. די געזעלשאַפטלעכע פונקציעס האָבן אָנגע־
נומען אין געוויסע פּרטים אַנדערע פאָרמען, ווי צום ביישפּיל אין דער געזעצ־
געבונג פאַר די אָרעמע אָדער אין דער פאַרוואַלטונג פון יוסטיץ (גערעכטיקייט),
אָבער זייערע פונדאַמענטאַלע אידייען זיינען יענע אוניווערסאַלע ווערטן פון
ציוויליזאַציע, וואָס זיינען געקומען צו אונדז אַלס אַן אומגעהויערע ירושה פון די
הייליקע ביכער פון יידנטום פון דער פאַר־קריסטלעכער צייט".

קאַרדינאַל פאָן פוילהאַבער איז געווען אַ מוטיקער און אידעלער מענטש,
אַן איין־און־איינציקער גרויסער גלויביקער מענטש פון הויכן עטישן ניוואָ, אין
אַ דזשונגל פון טויטאַנישן האַס, פאַרבלענדעניש, אומטאָלעראַנץ און צעשטע־
רונגס־ווילן. זיין שטימע האָט זיך נישט שטאַרק אַרויסגעהערט אין דעם דאַ־
מאָלדיקן מאַרש פון שטורם־טרופּישע שטיוואַליעס. די עוואַנגעליש־לוטערישע
קירך האָט אַזאַ מוטיקן קעמפער נישט אַרויסגעגעבן. פּאַסטאָר נימעלער האָט
געקעמפט פאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פון זיין קירך און נישט פאַר אונדז
יידן. אויך די אַנדערע גרויסע וועלט־אַנשויליכע באַוועגונגען האָבן נישט
פאַרמאָגט מענער פון קאַרדינאַל פוילהאַבערס קאַליבר. זיינע ווערטער זיינען
געווען ווי אַ קול אין אַ ווייטן געדיכטן דזשונגל. זאָל אים איצטער נאָך זיין טויט
די גרויסקייט פון זיין גוטן ווילן נישט ווערן פאַרגעסן. זאָלן זיינע דרשות, מו־
טיקע ווערטער פון גלויביקייט און ריינער עטיק, ווייטער קלינגען אין אַ וועלט
פון שלום און סאָציאַלן יושר. ער האָט גערעדט צו אַ פאָלק, וואָס האָט זיך צו
זיין שטימע נישט צוגעהערט. זאָל זיין פאָלק זיך ריינוואַשן פון דער בלוט־שולד,
וועלכע ער האָט געוואָלט פאַרהיטן. זיינע ווערטער זיינען לײדער פאַרקלונגען,
ווי אַ קול אין אַ דזשונגל.*

* די געבראַכטע ציטאַטן זיינען נישט גענומען פון אָריגינאַל, נאָר פון דער ענגלישער איבער־
זעצונג פון גאָרג ד. סמיטה, טעאָלאָגישער דאָקטאָר און דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע. קאַרדינאַל
מיכאַעל פאָן פוילהאַבער, וואָס איז איצטער געשטאָרבן אין עלטער פון 83 יאָר, איז עלף
יאָר געווען לעקטאָר אין דער ווירצבורגער אוניווערזיטעט און פּראָפעסאָר פון אַלט־טעסטאַ־
מענטאַרישע שריפטן אויך דער אוניווערזיטעט פון שטראַסבורג אין עלזאַס.

## א. מייזעלס

### צו שטיל

אין מיינע הענט איז אַריינגעפאַלן „די יידישע צייטונג" פון בוענאָס איי־
רעס און דאָרט געפינט זיך אַן אַרטיקל מיטן קעפּל „צו שטיל" פון רעדאַקטאָר
י. האָרן וועגן דעם וואָס דער יידישער טעאַטער „סאָלעיל" עפנט זיך נישט
היינטיקן סעזאָן. ער האָט טענות צו די יידישע אַקטיאָרן, צום אַקטיאָרן פאַר־
איין, אַז מען זאָל אָנגעבן די סיבות דער יידישער עפנטלעכקייט, ווייל יידיש
טעאַטער איז נישט בלויז געשעפט און אַ פּלאַץ וואָס גיט פּרנסה, נאָר אַז טעאַ־
טער איז אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין אונזער לעבן וכדומה.

איך וויל בלויז איין פּאַראַגראַף ציטירן — „אַז אַ הויז פאַלט איין, ווערט



אַ געוואַלט, רופט מען נאָך הילף און מענטשן לויפן ראַטעווען. אַז אַ יידיש טעאַ־
טער קאָן נישט אין בוענאָס איירעס אָנהויבן דעם סעזאָן, איז דאָס מער ווי אַ
הויז פאַלט איין. אַז אַ מענטש פאַלט אַוועקאין חלשות, שרייט מען, מאַכן די
אייגענע יללות. פאַרוואָס־זשע שווייגן די נאָענטע און די אייגענע, בעת אַ טעאַ־
טער קאָן זיך נישט רירן און האָט מוראדיקע יסורים? וואָס פאַר אַ באַדייטונג
האָבן קאָנפליקטן, אויב זיי זיינען אפילו פאַראַן אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס
טעאַטער איז פאַר אונדז אַלעמען? איז עס אַ געלט־פראַגע, באַדאַרף דאָך די
יידישע געזעלשאַפט עס וויסן" א.אַז.וו.

פאַרשטייט זיך, אַז דער שרייבער פון אַרטיקל, אַ ייד ביי וועמען דאָס
יידישע וואָרט איז טייער, וועט זיכער מתעורר זיין די יידן פון בוענאָס איירעס,
אַז זיי זאָלן טון אַלץ מעגלעכע, כדי צו עפענען דעם טעאַטער „סאָלעיל", וואָרים
ווי אַזוי קאָן מען לאָזן אַריינפאַלן אין אַפּאַטיע אַ קהלה פון איבער צוויי הונדערט
טויזנט יידן כן ירבו, אַז זיי זאָלן נישט העלפן דעם יידישן אַקטיאָר צו עפענען
דעם טעאַטער?

און מיינט איר דאָך זיכער, אַז באם חלילה טעאַטער „סאָלעיל" עפנט זיך
נישט, בלייבן די יידן אין בוענאָס איירעס אָן אַ טעאַטער? טאָ הערט וואָס עס
גרייט זיך אַלץ פאַרן איצטיקן סעזאָן.

יידיש טעאַטער „סיטרע" הייבט אָן דעם סעזאָן מיט דינה האַלפּערן אַלס
גאַסט. טעאַטער „עקסעלסיאָר" עפנט זיך מיט משה ליפּמאַן אַלס אָנפירער.
טעאַטער „סאָלעיל" שפּילט דערווייל אַ יידישע רעוויו. טעאַטער „איפט" מאַכט
אַ חנוכת הבית אין נייעם טעאַטער בנין מיט שלום עליכם'ס „אין שטורעם".
דראַמאַטיזירט און רעזשיסירט פון דוד ליכט. מוזיק האַל מיט אַ יידיש וואַריעטע
פּראָגראַם, אַחוץ כמה וכמה פאַראַנשטאַלטונגען אויף וועלכע עס טרעטן אַרויס
יידישע אַקטיאָרן.

און ווי זעט דאָס אויס ביי אונדז? אַ שטאָדט מיט אַן עין הרע אַ פערטל
מיליאָן יידן כן ירבו און ווי זאָגט שלום עליכם „אפשר מיט אַ שמיץ אַריבער".
צי האָט זיך אימיצער פאַרקלערט וואָס וועט זיין אונזער סוף? ווי לאַנג וועט
„פריינט פון יידיש לשון" זיין בכוח צו מונטערן דעם גוסס יידיש? יאָ, פריינט,
אין לאָנדאָן ליגט „יידיש" אין גסיסה און ווען ניט „פריינט פון יידיש לשון"
וואָלט אַלץ שוין געווען טויט און די אַלע שרייבער־געסט וועלכע קומען אין
לאָנדאָן און ווערן אויפגענומען פון היגן שרייבער פאַראיין, וואָלטן געקומען
ווי אויף קבר־אבות. אַזוי טליעט נאָך אַ פינקעלע, אָבער עס האַלט ביים אויס־
לעשן און וואָס ווייניקער מיר וועלן זיך שעמען צוצוגעבן דעם פאַקט, אַז אין
לאָנדאָן איז געענדיקט מיט יידיש, אַלץ זיכערער וועלן מיר געפינען אַ שטיקל
הילף וועניגסטענס צו פאַרלענגערן די גסיסה.

ווי אַזוי זאָל יידיש דערהאַלטן ווערן? מיר פאַרמאָגן נישט קיין איינציקע
צוגאָב־שול. אין די תלמוד תורה'ס לערנט מען אין ענגליש, אין די שולן פּרע־
דיקט מען ענגליש. אַלע פאַראַנשטאַלטונגען, אָנגעהויבן פון די ציוניסטן, מזרחי,
אגודת ישראל און סתם פאַראיינען און לאַנדסמאַנשאַפטן, מאַכן זייערע קאָנ־

צערטן אין די וועסט־ענד טעאַטערס מיט ענגלישע אַקטיאָרן. אַמאָל זיינען די זעלביקע פאַראיינען געגאַנגען אין גרענד פּאַליי טעאַטער, אָבער היינט ווייכן זיי דעם ידישען טעאַטער און אַפּגעזען וואָס יידישע אַקטיאָרן האָבן ניט קיין פּרנסה און זיינען געצוווּנגען באין־ברירה צו קלאַפּן אין די טירן און פאַרקויפן „בענעפיט טיקעטס", געווינט מען אָפּ דעם ידישן טעאַטער־גייער בהדרגה פון דעם ידישן טעאַטער און פון יידיש. וואָרים איז דאָך דאָס טעאַטער דער שטאַרקסטער זייל פון יידישן וואָרט און אויב דער טעאַטער ווערט חרוב וועט אומברחמנותדיק מיטגעריסן ווערן אַלץ וואָס איז יידיש.

ווער איז שולדיק אין אונזער גרויסן אומגליק? די גרעסטע שולדיקע זיינען די „טשערמאַנס", „פּרעזידענטן" און די „קאָמיטע־מענטשן", וועלכע האָבן אַרויסגענומען **אַלע פאַראַנשטאַלטונגען פון יידישן טעאַטער** און זיי אַוועקגעטראָגן צום ענגלישן טעאַטער. אַזוי אַז אפילו איינער וואָס וואָלט יאָ געגאַנגען שבת אָדער זונטיק, קאָן זיך ניט מער דערלויבן, ווייל ער מוז דאָך אָפּקויפן אַ טיקעט פון זיין **סאָסייטי און באַצאָלן פינף מאָל מער ווי אין יידישן** טעאַטער.

אַ טייל שולדיקע זיינען אויך די יידישע אַקטיאָרן, צוליב דעם ווייל זיי האָבן ניט קיין יידישן שוישפּילער פאַראיין, וועלכער זאָל זיין אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער יידישער עפנטלעכקייט. מלכות ענגלאַנד איז דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט ווו דער יידישער אַקטיאָר איז ניט אָרגאַניזירט אין אַן אייגענער יידישער **אָרגאַניזאַציע. עס איז אַ ווייטיק אין הארץ** און אַ בושה אין פּנים, אָבער דאָס איז דער פאַקט. וואָלט אַן אַקטיאָרן אָרגאַניזאַציע אַרויסגעטרעטן צו דער יידישער עפנטלעכקייט, וואָלט זי געקאָנט עפּעס דערגרייכן, אָבער אַזוי שטאַרבט דער יידישער טעאַטער אַ לאַנגזאַמען טויט.

אויך די בעלי־בתים פון טעאַטער זיינען מיטשולדיקע, זיי מוזן דורך טעכנישע אויסבעסערונגען **אַוועקנעמען דעם תירוץ ביי די יידן,** אַז זיי קאָנען ניט גיין אין יידישן טעאַטער, **ווייל עס איז זיי ניט גענוג באַקוועם.**

די איינציקע ניט שולדיקע איז דער יידישער טעאַטער־עולם אין לאָנדאָן, און עס זיינען **נאָך פאַראַן פילע טויזנטער טעאַטער** באַזוכער, דאָס האָט אונז באַוויזן בשעתן שפּילן פון „לאַמפּעדוסאַ" און אויך אין ערשטן סעזאָן פון „אַלעקס טעאַטער", אָבער מען האָט די אַלע באַזוכער אַוועקגעריסן פון יידישן טעאַטער.

וואָס איז צו טון? שאַפן אַ קאָמיטעט פון פּערזענלעכקייטן און זייער ערשטע אויפגאַבע זאָל זיין, אַז אַלע בענעפיטן זאָלן אָפּגעהאַלטן ווערן אין יידישן טעאַטער. שאַפן אַן אַקטיאָרן אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אַרבעטן האַנד־אין־האַנד מיט דעם דאָזיקן קאָמיטעט. די לאָזונג דאַרף זיין — צוריק צום יידישן טעאַטער! ניין, אין בוענאָס איירעס איז ניט „צו שטיל", דאָ, ביי אונז אין לאָנדאָן איז צו שטיל.

## שיקט צו לשנה־טובה־באַגריסונגען
## פאַרן קומענדיקן נומער „לשון און לעבן"



מאיר צעלניקער

# יצחק קרעלמאַן
## 35-יאָריקער בינע יובל

אין די פאַר־מלחמהדיקע צייטן וועל יידיש טעאַטער איז געווען אַ באַדייטנדער צווייג פון גרויסן שיינעם יידישן קולטור בוים. ווען בלויז אין דעמאָלטדיקן פּוילן האָבן זיך אויסגעלעבט 370 פּראָפעסיאָנעלע שוישפּילער, כמעט דאָס זעלבע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַחוץ אין אַרגענטינע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, בעלגיע א. אַ. — איז אַ 35־יאָריקער יובל פון אַ יידישן שוישפּילער געווען אַ יום טוב אין דער יידישער גאַס בכלל און אין דער קינסטלער משפּחה בפרט.

און איצט נאָכן גרויסן יידישן חורבן, אין וועלכן דער מערדערישער היטלעריזם האָט אַזוי אכזריותדיק אומגעבראַכט אַ דריטל פונם יידישן פאָלק צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען אַ באַדייטנדע צאָל יידישע קינסטלער, איז גענוג צו דערמאָנען אַז פון די 370 שוישפּילער פון פּוילן זיינען ניצול געוואָרן קוים ביי 70. צווישן זיי איז אויך על פּי נס ניצול געוואָרן אונזער בעל־יובל, דער באַליבטער און באַגאַבטער שוישפּילער יצחק קרעלמאַן.

יצחק קרעלמאַן האָט אין זיין 35־יאָריקער בינע קאַריערע אַ רייכע קינסטלערישע פאַרגאַנגענהייט. ווען ער האָט אין 1916 פאַרענדיקט די דראַמאַטישע שולע און אָנגעהויבן שפּילן פּראָפעסיאָנעל טעאַטער איז ער אַריינגעטראָטן אין דער ערשטער „ווילנער טרופּע" און באַלד פאַרנומען אַ באַדייטנדן פּלאַץ. יצחק קרעלמאַן איז געווען אַ מיטגרינדער פון ערשטן פּראָפעסיאָנעלן אַרטיסטן פאַראיין אין פּוילן. ער האָט יאָרן לאַנג אָנגעפירט מיט די גרעסטע דעמאָלט עקזיסטירנדע יידישע טעאַטערן אין פּוילן.

יצחק קרעלמאַן איז געקומען קיין לאָנדאָן צוזאַמען מיט זיין פרוי דאָראַ קרעלמאַן און זייער קינד אין אָנהויב פון יאָר 1947 פון אַ דייטשן לאַגער. זיין ערשטע אויפפירונג אין היגן יידישן טעאַטער, שלום עליכם׳ס „דער בלוטיקער שפּאַס", האָט געמאַכט אַ רושם אין לאָנדאָנער טעאַטער וועלטל, סיי יידישע און סיי ניט יידישע קריטיקער האָבן באַשטעטיקט אַז אין זיין אינטערפּרעטאַציע אַלס „דוד שאַפּיראָ" האָט זיך יצחק קרעלמאַן אַרויסגעוויזן אַלס באַגאַבטער שוישפּילער. דאָס זעלבע אין זיין צווייטער אויפפירונג אין גערשנזאָנס „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" אין דער ראָלע אַלס „קלמן דער פּראָצענטניק". שפּעטער אין פאַרשידענע אַנדערע ראָלן אין זיין רום כסדר געוואַקסן.

יצחק קרעלמאַן האָט אויך צוויי יאָר צייט אָנגעפירט מיטן גרענד פּאַליי טעאַטער און זיך געגעבן די גרעסטע מי דעם טעאַטער אַרויפצופירן אויף אַ געוויסן קינסטלערישן ניוואָ.

מיט שטאָלץ מעלדן מיר דעם לאָנדאָנער יידישן עולם וועגן דעם גרויסן יום־טוב, וועגן 35־יאָריקן בינע יובל פון באַגאַבטן און פאַרדינסטפולן שוישפּילער יצחק קרעלמאַן וועלכער ווערט בקרוב געפייערט ביי אונז אין לאָנדאָן אין גרויסן פּרעכטיקן זאַל פון סטאָוק נויאינגטאָן טאָון האָל און וועלכער ווערט

צוגעגרייטדורך אַ ספּעציעלן אָרגאַניזיר קאָמיטעט פון באַדייטנדע יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע טוער.

עס איז קיין צווייפל נישט אַז דער לאָנדאָנער יידישער עולם וועט ווי געהעריק אָפּשאַצן דעם גרויסן יום טוב, דעם 35־יאָריקן בינע־יובל פון יצחק קרעלמאַן. מיר ווינטשן דעם בעל יובל לאַנגע געזונטע יאָרן, אַ סך כוח און מיט זיין גרויסן טאַלאַנט באַרייכערן די יידישע בינע און מיט זיין שטאַרקער ענערגיע דערהויבן דעם לאָנדאָנער יידישן טעאַטער צום געהעריקן קינסטלערישן ניוואָ.

פאַרזיצער פון יובל קאָמיטעט מאיר צעלניקער.

נ.פ.—מיר האַלטן פאַר וויכטיק דאָ ציטירן בלויז אַן אויסצוג פון אַ בריוו וועלכן יצחק קרעלמאַן האָט די טעג באַקומען פון זיין נאָנטסטן יוגנט פריינט דעם באַרימטן בינע קינסטלער זיגמונט טורקאָוו, מיט וועמען יצחק קרעלמאַן האָט צוזאַמען פאַרענדיקט אין וואַרשע די דראַמ. שולע און צוזאַמען אָנגעהויבן שפּילן פּראָפעסיאָנעל טעאַטער. דער בריוו לויטעט:

מיין ליבער יצחק קרעלמאַן! באַקומען דיין בריוו מיט דער מודעה וועגן דיין 35־יאָריקן בינע־יובל. צום באַדויערן האָט דאָס לעבן געוואָלט, אַז מיר זאָלן פּראַוון אונזערע יובלס אין דער פרעמד, פאַר אַ פרעמדן עולם וועלכער האָט נישט צוגעזען אונזערע ערשטע טריט אויף דער בינע, מיט פרעמדע אַקטיאָרן פאַר וועלכע מיר זיינען סוף כל סוף פרעמדע חברים. פאַרפאַלן, מען טאָר זיך נישט באַקלאָגן. אַזוי פיל פון אונזערע לטע חברים האָבן אין גאַנצן נישט דערלעבט צו פּראַוון זייערע יובילעאומס און זיינען פאַרשניטן געוואָרן פאַר דער צייט! דעריבער איז אַזאַ יובל פון די ווינציק פאַרבליבענע מיר דאָפּלט טייער. וועל איך מיך פרייען כאָטש מיט אַ טעלעגראַמע דעם דאָזיקן געפיל אויסצודריקן.

דיין זיגמונט טורקאָוו.

---

## י. ראפאפארט

# פון מיין שאנכייער טאג-בוך

(המשך)

שאַנכיי, 23.11.42

די אַרטיסטקע ז. האָט דערציילט צוויי פיינע מעשיות.

מעשה נומער איינס:

נאָך איר לעצטן קאָנצערט, צוזאַמען מיט הירש פ., האָט איינער אַ היגער גביר, אַ געוויסער מ—ר, געהאַט צו איר טענות: וואָס עפּעס האָט הירש פ. געזונגען אַ ליד וועגן אַ פורמאַן? (געמיינט האָט ער דאָס פאָלקסליד „דאָס חזנדל“, וועלכן עס קומען הערקן די דריי שענסטע באַלעבאַטים פון שטעטל, צווישן זיי אַ בעל־עגלהטשיקל). איר האָט דאָך זיכער געמיינט מיך. אין גאַנצן זאָל איז געווען בלויז איין פורמאַן — איך. אמת, איך בין געווען נישט קיין



פשוטער פורמאַן, געהאַט 60 פערד, אָבער פאָרט אַ פורמאַן...

הכלל, ער וועט שוין מער אויף קיין יידישע קאָנצערטן נישט גיין....

מעשה נומער צוויי:

נאָכן זעלבן קאָנצערט, האָבן איר עטלעכע טיענצינער גבירים איינגעלאַדן אויף אַן אונטבריוט. זאָגט צו איר איינער, אַ טיענצינער רייכער מאַנופאַקטור־סוחר:

— אַז איר האָט ביי מיר געקאָנט אַרויסרופן טרערן מיט אייער „אַברהמעלע מאַרעוויטשער“, זענט איר טאַקע אַ גרויסע בריה. כ'האָב שוין צוויי ווייבער באַגראָבן און נישט געוויינט...

און אַ ביסל שפּעטער, נאָכן אויסטרינקן אַביסל, האָט ער זיך צערעדט:

— איר ווייסט, איך בין געווען דער גרעסטער גנב אויף דער מאָלדאַוואַנקע (אָדעס — י. ר.).

כ'פלעג אויך גנבענען ביי רייכע און געבן אָרימעלייט...

אַ טיענצינער פריינט זיינער האָט אים איבערגעריסן: „דערצייל נישט דיין יחוס“...

— שוויַג, — גיט ער אַ געשריי אויף זיין פריינט, — כ'וועל באַלד דערציילן ווער דו ביסט...

אַז צוויי גנבים קריגן זיך . . .

אַגב, דאָס איז נישט קיין זעלטנקייט אין די קהלות אויפן ווייטן מזרח: איינער רימט זיך, אַז ער איז געווען אַ גנב, דער צווייטער — אַ מערדער.

דאָס זענען אָבער די אָפּנהאַרציקע, די געוועזענע, די מער־פאַרשלאָסענע און די הייַנטיקע נאָך — דערציילן נישט וועגן זייער יחוס.

מ'דערקענט זיי לויט זייערע מעשים און פון די דערציילונגען פון אַלטע תושבים, באַזונדערס פון אַלטן שמש ר' מ—ר.

אָפּטמאָל, ווען מען הערט זיך צו צו די מעשיות וועגן די היגע גבירים, האָט מען דאָס געפיל, אַז מען געפינט זיך צווישן טמאים. זייער געלט שטאַמט פון די ברודיקסטע געשעפטן — פון אָפּיום און „כלות“, פון שמוגל און גנבה.

שאַנכיי 27.4.44.

דאָס ערגסטע אין אונזער לאַגע איז דאָס, וואָס מיר האָבן פאַרלוירן דעם ברייטן האָריזאָנט, וועלכער קאָן זיין אויך אין ליידן (און אַמאָל דווקא אין ליידן). אָפּגעריסן פון לעבן, פאַרשטויסן אין אַ טעמפּן ווינקל, פאַרלירן די בעסטע דעם ברייטן אויסבליק און מען פאַרנעמט זיך מיט קלייניקייטן. דאָס קליינלעכע ווערט דער האָריזאָנט פון אַזאַ עמיגראַציע, ווי אונזערע.

ווען מען דערזעט זיך אַמאָל פון דער זייט, אין דער ראַם פון דאָזיקן קליינלעכקייטס־האָריזאָנט, ווערט טרויעריק ביז פאַרצווייפלונג.

אָבער קיינער פאַרשטייט דאָ נישט דאָן, פאַרוואָס איך באַדויער מיין נישט בלייבן אין וואַרשע, אין ווילנע. זיי דענקען לאָגיש: סטייטש, ביי היטלערן? סטייטש: ביי די באָלשעוויקעס?

געווּסשׂ, לאַגיש האָבן זיי רעכט. לאַגיש ווייס איך דאָס אַליין אויך. אָבער אויך די שפּראַך פון פאַרצווייפלונג האָט זיך איר לאַגיק. שוין בעסער —

הייסט עס אין דער דאָזיקער שפּראַך — ליידן ביי היטלערן און ביי די באָל־שעוויקעס אונטער אַ גרויסן האָריזאָנט, אײדער ליידן פון די קיך־ענינים און פון דער משומדים־קליקע.

שאַנכיי, 25.7.44.

איך לייען „הערצלס פעליעטאָנען" און „פילאָזאָפישע דערציילונגען". און ווי תמיד איבערראַשט מיך דער קאָנטראַסט צווישן הערצל דעם איראָנישן און סקעפּטישן שריפטשטעלער און הערצל דעם נאַאיוון (אין גוטן זין) און פאַטעטישן פאָלקס־טריבון.

פון וואַנען האָט דער עלעגאַנטער און איראָניש־סקעפּטישער הערצל גענומען אַזעלכע טענער פון הערראָאישן פּאַטאָס און הייליקער פשטותדיקער נאַאיוויטעט, וואָס מיר באַגעגענען אין זיינע „טאָגביכער" און פּאָליטיש־ציוניסטישע שריפטן?

שאַנכיי, 29.3.46.

אין דער „צוקונפט" פון אויגוסט 1945 (דאָס ערשטע יידישע לעבעדיקע וואָרט, וואָס איז דערגאַנגען צו מיר נאָך דער מלחמה), האָבן צוויי זאַכן געמאַכט אויף מיר אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק: מרדכי שטריגלערס טיטאַנישבונטאַרישער „בריוו" און די שטילע כראָניק וועגן ווילנער געטאָ, אין וועלכער עס ווערט דערציילט וועגן דער ראָל, וואָס ז. קאַלמאַנאָוויטש האָט דאָרט געשפּילט: ער האָט געטרייסט און געמונטערט און מען האָט אים גערופן „דער נביא פון געטאָ".

ז. קאַלמאַנאָוויטש אין דער ראָל פון אַ „נביא פון געטאָ" קאָן איך זיך נאָך פאָרשטעלן, אָבער פון אַ טרייסטנדיקן און אויפמונטערנדיקן נביא?

אין ווילנע פון יאָר 1940 פלעג איך צענדליקער מאָל הערן אָנקלאָגעס אויף ז. קאַלמאַנאָוויטש'עס צעפרעסנדיקן פעסימיזם: ער רעדט רק וועגן אונטערגאַנג; עס וועט אונטערגיין יידיש, עס וועלן אונטערגיין יידן, עס וועט אונטערגיין די יידישע ליטעראַטור.

דער גוטער זלמן מייזנער, דער איש תמים, ז. קאַלמאַנאָוויטשעס פריינט, פלעגט זיך צאַפּלען ביים קלאָגן זיך פאַר מיר אויף זיין פעסימיסטישן פריינט.

און מיט אַמאָל — אָט דער ז. קאַלמאַנאָוויטש אַ טרייסטער און אַ אויפמונטערער?

ביידע דערשיטערנדיקע דאָקומענטן — שטריגלערס בריוו צו לייוויקן און ז. קאַלמאַנאָוויטשעס מעטאַמאָרפאָזע — קומען פון געטאָ. דערנערט דורך ליידן און פיין — איז געוואַקסן אין זיי די גייסטיקע קראַפט. וואַרפט מען צעגליט גלאָז אין קאַלטן וואַסער אַריין — פּלאַצט עס; וואַרפט מען צעגליט אייזן אין קאַלטן וואַסער — ווערט עס פאַרוואַנדלט אין שטאָל. דער כור־עוני פון גרויזאַמסטן געטאָ אין אונזער געטאָ־געשיכטע האָט אַרויסגעבראַכט אויסטערלישע מעטאַמאָרפאָזעס. ז. קאַלמאַנאָוויטש — וואונדער איך זיך — אַ נביא אַ טרייסטער, אַן אויפמונטערער? מרדכי שטריגלער — האָט זיך געוואונדערט אין שאַנכיי זיין יוגנט־חבר, דער אַגודיסטישער זשורנאַליסט מ. מ. — אַ שרייבער פון בריוו, וואָס ה. לייוויק רופט אָן מיט רעכט „גרויס־קינסטלעריש"?

ווען נישט דאָס גרויזאַמסטע, וואָס איז זיי און אונז געשען; ווען פון די היטלער־געטאָס וואָלטן אַרויס נישט קיין טויזנטער, נאָר מיליאָנען, וואָלטן מיר אפשר געשטאַנען פאַר אַ פולשטענדיקער גייסטיק־מאָראַלישער פאַרוואַנדלונג פון יידישן פאָלק: דער פעריאָד פון גייסטיק־מאָראַלישער וועגעטאַציע פון די לעצטע יאָר צענדליקער וואָלט געווען פאַרביטן געוואָרן אויף אַ גייסטיק־מאָראַלישן רענעסאַנס פון אַ פאַרנעם, וואָס די מענטשהייט האָט שוין לאַנג נישט געזען.

דער בייזער ז. קאַלמאַנאָוויטש, וועלכן מען האָט אין ווילנע געהאַלטן פאַר אַ „רשע" אין די „גוטע" צייטן, באַקומט מילדע אויגן פון אַ נביא אַ טרייסטער, און פול מיט ליבע צו די ברידער אין פיין, גלעט ער זיי גייסטיק און צערטלט זיי מאָראַליש; און שטריגלער, אַ יונג בחורל, וואָס האָט פאַר דער מלחמה, קוים געקאָנט האַלטן אַ פען אין דער האַנט, ווי זיין חבר מ. מ. זאָגט, שרייבט אַ בריוו, ווו יעדער אַפּזאַץ איז אַ בוך, וואָס באַלויכט גרויזיקבליצאַרטיק דאָס יידישע לעבן אין 1945 אין זיין גאַנצער תהומיקער פולקייט.

אויף וואָסער מדרגה מענטש מען דאַרף זיין, כדי צו קאָנען ביי די באַדינגונגען אין היטלערס קאָנצענטראַציע לאַגער טאָן גייסטיקע אַרבעט! און נישט נאָר ער (דער גייסטיק־באַרופענער) טוט די דאָזיקע אַרבעט, — ער האָט אויך צוהערער און העלפער אומעטום! מענטשן אָן אַ צוקונפט זאָרגן פאַר דער גייסטיקער צוקונפט, — איז דאָס דען נישט די העכסטע, רירנדיקסטע מדרגה פון מענטש־זיין? אַ פּרווו אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער באַגראָבט אין דער ערד יצחק קאַצענעלסאָנס פּאָעמע פאַר דער צוקונפט, וואָס איז אַזוי פּראָבלעמאַטיש. און די חברים שטריגלערס לויט די קאָנצענטראַציע־לאַגערן לעכצן נאָך זיין, שטריגלערס, געראַטעוועט ווערן, כדי צו האָבן אַ כראָניקער פון זייערע און זייער פאָלקס ליידן פאַר דער צוקונפט (און דער טראָפּ ליגט ניט אויף „זייערע", נאָר אויף דער „צוקונפט").

נישט אומזיסט האָב איך אַזעלכע העמונגען צו שרייבן וועגן שאַנכייער געטאָ. איז דאָס דען געווען אַן אמתע יידישע געטאָ? אין אַ יידישער געטאָ איז דאָך תמיד דאָס פאָלק גייסטיק און מאָראַליש געוואַקסן. אָבער דאָ? אפילו די, וועלכע עקספּלואַטירן איצט אויף אַלע זייטן דאָס געטאָ, האָבן אין די נעכט נישט געטון קיין גייסטיקע אַרבעט, ווי שטריגלער, ווי קאַלמאַנאָוויטש, נאָר געהוליעט מיט משומדים אין ווייַנגאָרטן און אין דעם קריסטלעכן נייַיאָר. נישט פון יאַפּאַנישן שטאַנדפּונקט איז דאָס נישט געווען קיין געטאָ — פון יידישן שטאַנדפּונקט איז דאָס נישט געווען קיין געטאָ: עס איז דאָ נישט געווען קיין אָרט פאַר אַ נביא פון טרייסט און עס איז דאָ נישט געווען קיין אָרט פאַר אַ יידישער קולטור.

## אייזיק גאלדבערג

# 150-טער „לשון און לעבן״

באַגריסונג צום דערשײַנען פון 150־טן נומער חודש זשורנאַל „לשון און לעבן״

„לשון און לעבן״ איז אַ גײַסטיק ליכט, וואָס לײַכט אַרויס פון דער ווייט־שעפּלער יידישער פינסטערניש און פון דער גייסטיק יידישער אָרעמקייט אין לאָנדאָן און אין ענגלאַנד בכלל.

טויזנטער יידיש־ריידנדיקע, יידיש־דענקענדיקע יידן מיט צובראָכענע ענגליש ריידנדיקע צינגער ווילן אויף אַ היפּאָקריטישן אופן ליידער אָפּלייקענען דעם ווערט און די וויכטיקייט פון יידיש.

יידיש לשון האָט אין די לעצטע הונדערטער יאָר מאַמעדיק אַרומגענומען די יידישע פאָלקס־מאַסן און פאַרבונדן די יידישע קיבוצים פון דער גאָרער וועלט וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעגלידערט אין י. ל. פּרץ׳ס סימבאָלישע „גאָלדענע קייט״...

די יידישע ליטעראַטור קאָן זיך פּרעזענטירן מיט אירע גייסטיקע קלאַסיקער, ווי מענדעלע, שלום עליכם, י. ל. פּרץ, ביז אויף די היינטיקע באַדייטנדע יידישע שרײַבער, נישט ווייניקער ווי די נישט־יידישע ליטעראַטורן.

אין דעם זין און אין דעם גייסט איז „לשון און לעבן״ דער איינציקער ליטעראַרישער חודש זשורנאַל אין מלכות ענגלאַנד וועלכער גייט אָן בשלימות און אומפּאַרטייאיש פאַר יידיש לשון, יידישע ליטעראַטור, דאָ, אין ישראל און אין אַלע יידישע קיבוצים פון דער וועלט.

אונדערמידלעך זיינען איינצעלנע מענטשן זיך פּשוט מוסר נפש, צוהעלפנדיק די זער וויכטיקע אַרבעט פון יידיש לשון אין וואָרט און אין שריפט.

אויף אַלע יידיש־ריידנדיקע, יידיש־דענקענדיקע יידן פון לאָנדאָן בפרט און פון ענגלאַנד בכלל ליגט אַ הייליקער חוב מיטצוהעלפן, מיטצואַרבעטן און אונטערשטיצן אין יעדן אופן פאַר דעם ווייטערדיקן קיום צו דערהאַלטן דעם איינציקן ליטעראַרישן חודש זשורנאַל „לשון און לעבן״, אויך העלפן אים פאַרשפּרייטן אין יעדער יידישער היים!

געזונט און געשטאַרקט זאָלן זיין דער רעדאַקטאָר מיט אַלע זיינע מיטאַרבעטער!

געבענטשט זאָלן זיין אויך די אַלע וועלכע העלפן צו און אונטערשטיצן די זער וויכטיקע **אַרבעט!**

זאָלן מיר דערלעבן צו פייערן דאָס דערשיינען פונם 500־טן נומער „לשון און לעבן״ **ביי אַ בעסערן מצב ווו דער זשורנאַל זאָל אויך שטיין אויף געזונטע יסודות!...**



# א בריוו פון מרדכי שטריגלער

פּאַריז, דעם 21־טן יוני 52׳.

חשובער רעדאַקטאָר פון „לשון און לעבן״.

צוריקקומענדיק פון אַ רייזע אין ישראל האָב איך זיך גענומען צום איבערלייענען די ציטונגען און זשורנאַלן וועלכע איך האָב די גאַנצע צייט נישט געזען. האָב איך אויך געזען צווישן אַנדערעס דעם נומער „לשון און לעבן״ פון אַפּריל 1952. דאָ האָב איך עפּעס געלייענט פון וועלכן דאָס האַרץ האָט אַ ציטער געטון; איך מיין דאָ דעם אַרטיקל פון חבר י. ה. לעווי וועגן טויט פון דיכטער ס. פּאַלמע. דאָרט ווערט געשריבן:

„...אָבער נאָך מער פאַרדריסלעך איז עס געווען — האָט בשעתו פּאַלמע ע״ה פאַר מיר זיך געאויסערט — וואָס מרדכי שטריגלער האָט דערלאָזט אַזאַ שמוציקן פּאַמפּלעטישן געשמירעכץ פּובליצירן...״

מילא, פאַר דעם נפטר ע״ה איז זיך שוין נישט מעגלעך צו פאַרענטפערן און עס איז מיר אַ ווייטיק וואָס ער איז אַוועק אין קבר אַריין מיט אַ פאַרדרוס אויף מיר... אָבער צו די לעבעדיקע קאָלעגן קום איך איצט מיט אַ טענה — און טאַקע צו פּריינט י. ה. לעווי בתוכם — וואָס איז פאַר מיר זער וויכטיק:

איך האָב וועגן דעם נישט מודיע געווען ברבים, אָבער אין די ליטעראַרישע קרייזן איז באַקאַנט אַז שוין מער ווי אַ יאָר בין איך נישט דער שעף־רעדאַקטאָר פון דער פּאַריזער טאָג־ציטונג „אונזער וואָרט״. עס איז אויך באַקאַנט אַז זינט חדשים און חדשים געפינט זיך נישט דאָרט קיין איין שורה מיינע און במילא קען איך נישט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס ווערט דאָרט געדרוקט. עס איז אמת, אַז זער אַ סך האָבן געהאַט צו מיר תרעומות וועגן פאַרשידענע זאַכן וואָס זענען דאָרט געדרוקט, מיינענדיק אַז איך בין נאָך דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר. איך האָב אָבער דערויף ביז איצט נישט רעאַגירט, מחמת דעם וואָס די טענות זענען נישט געווען אין דער עפנטלעכקייט. בין איך נישט מחויב געווען וועגן דעם מודיע צו זיין און אויך נישט געקענט צוליב כמה וכמה סיבות.

די באַשולדיקונג פון אַ טויטן קאָלעגע, וואָס שרייט צו מיר דורך די שורות פון „לשון און לעבן״ האָבן מיך אָבער געצוווּנגען דאָס צו טון. איז ווייטיקדיק וואָס די קאָלעגן, וועלכע האָבן אין לאָנדאָן געוווּסט פון מיין שטיין פון דערווייטנס, וואָס שייך דער דערמאָנטער ציטונג (הגם דאָס קען זיין ציטווייליק) האָבן עס נישט מודיע געווען, להסיר מעלי חרפּה. ה׳ לעווי, וועלכער איז געווען אין פּאַריז, האָט עס געקאָנט וויסן גאָר לייכט, ווייל עס איז קיין סוד נישט.

לכן, בעט איך אייך, קאָלעגע רעדאַקטאָר, דאָס כאָטש איצט מפרסם צו זיין, ווייל איך קען דאָ מיט אַ רואיק געוויסן זאָגן: ידי לא שפכו את הדם הזה וגם עיני לא ראו...

מיט די בעסטע גרוסן אייך

אייער מרדכי שטריגלער.

## א קליין בריוועלע צו אונזער ליבן משה עובד

טייערער פריינט! איך האָב געהערט אַז קיין גרויסע בריוו, אָדער אַנדערע שריפטן לאָזט מען צו אייך נישט צו, צוליב אייער קראַנקהייט. נו, האָב איך באַשלאָסן צו שרייבן אַ קליין בריוועלע צו אייך, אין דעם זשורנאַל „לשון און לעבן", וועלכעס איר וועט זיכער לייענען, אויב נישט איצט איז אַ ביסעלע שפּעטער ווען איר וועט אי"ה געזונט ווערן. איך וועל זיך האַלטן קורץ ווי מעג־לעך, כדי נישט צוצונעמען אייער געדולד און נישט אָנשטרענגען אייערע נערוון. איך וויל אייך בלויז זאָגן אַז מיר בענקן שטאַרק נאָך אייך, און יעדן שבת נאָכמיטאָג פרעגט זיך דער עולם, וואָס מאַכט משה עובד? ווען קומט ער צוריק? אַט דאָס אַליין דאַרף אייך שאַפן דעם באַגריף וואָס איר מיינט פאַר אונז אַלעמען. איך וויל אייך נאָר זאָגן אַז אייער בענקל אויבן־אָן שטייט ליידיק און וואַרט אויף אייך, איר דערמוטיקט און ענקוראַזשירט אונז אַלעמען מיט אייער אַנוועזנהייט, סיי ביים שבת נאָכמיטאָג, סיי ביים גלעזל טיי, ווען מיר האָבן אימער געהערט, און זיך צוגעהערט צו אייער מיינונג, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ ווערטער־אויסטויש. איר מיט אייער וואַרעם יידיש האַרץ און אייער פיינע פערזענלעכקייט האָט אונז אַלעמען צוגעגעבן מוט און קראַפט ווייטער אָנצוגיין מיט דער טעטיקייט, און איצט שטעלט זיך פאַר, ווי איר פעלט אונז אויס.

ווי שוין אויבן געזאָגט, וויל איך בלויז שרייבן אַ קליין בריוועלע, און ענ־דיקן מיט די ווערטער, אין נאָמען פון דעם שבת נאָכמיטאָג עולם, און פון די לייענער פון „לשון און לעבן". דריק איך אייך אויס איר זאָלט האָבן אַ רפואה שלימה און מיר זאָלן אייך באַלד ווידער זען אין אונזערע קרייזן.

קיטי בראָון.

---

## על רגל אחת . . .

דער גרויסער זאַל אין דער וועסט־ענד פון לאָנדאָן איז געווען פול גע־פּאַקט מיט אַן עולם יידן, פון אַלע שיכטן פון יידישן לאָנדאָן, זיי זיינען געקו־מען הערן ריידן דעם גרויסן יידישן שרייבער שלום אַש. מען געדענקט נישט אַזאַ מאַסן פאַרזאַמלונג אין לאָנדאָן אויף יידיש! פּראָפעסאָר זעליג בראָדעצקי האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

דער באַנקעט אין ווייטשעפּל, אין גרויסן זאַל „אַדלער הויז", אין הויז פון יידישן בית־דין אין לאָנדאָן, האָט געטראָגן אַ פייערלעכן כאַראַקטער. און ווען שלום אַש האָט זיך אויפגעהויבן צום וואָרט האָט זיך דער גאַנצער גרויסער עולם אויך אויפגעשטעלט — עס איז געווען אַ האַרצרייסנדיק געשריי פון אַ גרויסן שרייבער, וואָס איז באַליידיקט טיף אין דער נשמה.

אַז ביז דאָ אַהער, ביז צו דעם שאול תחתיה פון דער יידישער דערניד־ריגקטקייט פון יידישער שעפערישקייט און גייסטיקייט — וויא דע לאַ ווייט־שעפּל! איז שלום אַש געקומען מיט זיין פאַרביטערטקייט, מיט זיין דערניד־ריגקטקייט, מיט זיין באַליידיקט זיין ביז טיף אין דער נשמה — — —

אָבער גראָד דאָ, אויפן תהום פון שפלות און דערנידריגקטקייט, אַזאַ ליב־שאַפט צו זיך, אַזאַ פאַרגעבונג אָנצוטרעפן, אַזאַ פאַרטרויען — — —

שלום אַש האָט זיך איבערצייגט אַז אַ ליבשאַפט און מחילה־געפיל ווי דאָס יידישע פאָלק, ווי דער יידישער מענטש האָט אין זיך, קאָן מען ביי קיין אומה ולשון נישט אָנטרעפן.

טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די אויגן בשעת ער האָט גערעדט — אָבער נישט קיין פאַרביטערטקייט מער, נישט קיין ווײ־געשריי ווערטער — אַ גרויסע ליבשאַפט, וואָס ער האָט מיט זיינע אויגן זוכה געווען צו זען: „מי כעמך ישראל גוי אחד".

* * *

ווייטשעפּל, ביי איר גאַנצער דערשלאַגנקייט, איז דאָך לעבעדיק און באַ־וועגלעך. אונזערע קינסטלער קומען אַרויס אין דער וועלט און ווערן אויפגע־נומען מיט אָפענע אָרעמס. אונזער באַליבטער אַקטיאָר מאיר צעלניקער, וועל־כער איז איצט צוריקגעקומען פון אַפריקע, איז דאָרט אויפגענומען געוואָרן ווי איינער פון די גרעסטע בינע־קינסטלער וואָס מיר האָבן איצט. אַלע צייטונגען דאָרט זיינען פול געווען מיט זיינע קרעאַציעס — זיין שיילאָק, זיין יידישלעכע אויפפאַסונג, איז באַוואונדערט געוואָרן פון אַלע יידישע און נישט יידישע קריטיקער.

אונזער מאיר צעלניקער איז צוריק דאָ מיט אונז. מיר האָבן דערוואַרטעט זיין צוריקקומען, כדי אים ווידער צו זען ביי אונז אויפטרעטן און זיך פרייען מיט זיינע קאָמישע כאַראַקטער טיפּן און דער עיקר מיט זיינע ליטעראַרישע ראָלן, וואָס ער דערפירט צו אַ קינסטלערישער שטייגערונג.ליידער הערן מיר אַז ער לאָזט זיך ווידער אין דער וועלט אַרויס. אַנדערע יידישע ישובים דערוואַרטן זיין אָנקומען. מאיר צעלניקערן פון ווייטשעפּל.

* * *

דאָס יידישע טעאַטער אין לאָנדאָן גייט אָן! ביי מיין אַהערקומען פאַר 14 יאָר צוריק האָב איך נאָך געקענט דעמאָלט שרייבן אין אַן עסיי אין „די צייט": יידישע פרעסע און טעאַטער — ביידע, אויסגעהאַלטן פונם פאָלק זיינען זייער ערלעכער ניוואָ! די פרעסע איז שוין אַ סך פאַרשמעלערט — זי מאַכט נאָך שבת! זי איז נאָך בלויז אַ וואָכנצייטונג. און דאָס מיט דער הילף פון אַפּילן.

דאָס יידישע טעאַטער, אויסגעהאַלטן פון זיך אַליין, אויף די פאַרשווונדעטע כוחות פון טאַלענט פון די לאָנדאָנער אַקטיאָרן — יעדע וואָך אַן אַנדערער שפּעקטאַקל! יעדע פאַר חדשים אַנדערע סטאַרס. איצט האָבן מיר דאָ דעם פיינעם אַקטיאָר, זלמן קאַלעשניקאָוו, אַ בעל כוח, מיט אַלע מעגלעכ־קייטן צו שפּילן גוט טעאַטער; רעני גליקמאַן, אַ גוטע שוישפּילערין, וואָס קאָן געבן אַ זינג און אַ טאַנץ — זיי האָבן זייער וויזיטן־קאַרטל פאָראויס געשיקט. מיט אַ וואַרעמען שלום עליכם ווי האַנט־געלט אונז געגעבן! און איצט אונטער־

האלטן זיי דעם עולם און געבן זיי וואס זיי ווילן — און דאס „פאלעק״ האט רעכט, זיי האלטן עס ערלעך אויס. די „אינטעליגענץ״, מישטיינס־געזאגט, שפילט ליבער קארטן און גייט צו „פיקטשערס״.

* * *

עס איז געווען א וואונדערלעכער איינפאל פונם רעדאקטאר פון דער „יידישער שטימע״, וואס האט צוגעצויגן דעם יונגען קינסטלער מאריס סאכאטשעווסקי, ווי א שטענדיקן מיטארבעטער פון דער וואכנצייטונג. מיר זיינען געוווינט פון דער ענגלישער פרעסע צו קארטונען־קאריקאטורן, אבער אונזער קינסטלער, וועלכער איז געווען א צייכנער פון דער „איווינינג סטענדערד״, האט זיין סיטואציע דערפאסט — בעסער געזאגט אונזרע! — און מיט זיינע ערנסטע, רעאלע און ראמאנטישע צייכנונגען פון אונזער יידיש לעבן געכאפט דעם יידישן לייענער עולם, וואס איז אונז נאך געבליבן דא אין ווייטשעפל.

די „יידישע שטימע״, וואס איז געווארן דער „כל־בו״ פונם ווייטשעפלער יידישלעכן ייד, וועלכע ברענגט אים אין שטוב פון אלעם צו ביסלעך, באקומט מיט מאריס סאכאטשעווסקי׳ס בילד — אין שפיגל פון דער צייטונג, דאס וואכן פארטרעט אין וועלכן ער קאן זיך שפיגלען, און מיט הנאה זיך אנשפיגלען. אונזער חרובדיק ווייטשעפל לעבט צוריק אויף א ביסל.

עס איז נישט די קאריקאטור צייכנונג וואס גיט א וויציק שטאך יענעם, א קיצל אונטער צי א לאך צי א שמייכל, נאר עס געהער צו יענער ראמאנטישער קופער־שטאך־צייכנונגען, וואס וויל אן עפאכע אויפהאלטן און צוריק באלעבן.

* * *

א דאנק אייך, ליבער שטריגלער, פאר אייערע פאר שורות — נישט וויל איך האב אייך חלילה חושד געווען אין די נידריקע קליינע מינים, איר זייט מיר צו טייער, אז אפילו א שמץ פון אזא געדאנקל זאל ביי מיר ארויפקומען — איך דאנק, כדי מיר זאלן אומגעפער איצט אנען ווער דער פארשוין איז דאס, וואס טשעפעט זיך קריכנדיק אויף גלייכע ווענט. און ווערעמדיקע פארשווינדלעך, קריכערישע העלפן אים צו פון דא.

כ׳האב פארשטאנען, אז דאס זענען די אויפטואונגען פון עפעס א „קאמיסאר״, אהערגעשיקט נאך אייראפע צו ליקווידירן די לעצטע רעשטלעך פון יידיש. און גייענדיק אויפן „לייכטן וועג״ נעמט ער זיך צוערשט צו אונז דא אין לאנדאן. כסדר זעען זיך אזעלכע נבזהדיקע נאטיצלעך איבער „לשון און לעבן״, איבער אונזערע מענטשן דא. מען כאפט זיך, אפילו, אויף דעם שוואכן וועג צו פרויען און מען באליידיגט זיי אויפן נידערטרעכטיקסטן אופן.

* * *

„אן ענין צום לאכן און אויך א ביסל צום וויינען״ (ארבעטער־ווארט, פאריז, דעם 13־טן יוני 1952)

פריינט יאנאסאוויטש וועט מיר מוחל זיין, וואס כ׳בין אים חושד, אז ער נעמט זיך נישט אן נישט לייוויקס און נישט מנחם באריישאס, קריוודע,



וואס דעם איינעם פעלט אן איבערזעצער און דעם אנדערן א פארלעגער. נאר ער אליין האט מסתם געזוכט ביידע און נישט געפונען אין ישראל. ווארים אויב נישט, ווי קומען עס ראפטום צו לויפן די ישראל פארלעגערס צו באקלאגן זיך פאר א יונגען פאעט, וואס קומט ווי א פילגרים אדער ווי אן עולה; צו וויינען פאר אים איבער אזעלכע וואכעדיקע ענינים! און טאקע דערפאר, וויל די אויפרעגונג זיינע איז אזא ערלעכע — בין איך אים מוחל.

אבער וואס שייך „כסף וזהב״, קאלעגע יאנאסאוויטש, וואס טוען עס נישט אלץ „בטלנישע״ טאלענטן, כדי ארויפכאפן זיך אויפן פעגאזוס און ארייכצורייטן אין דער אייביקייט אריין! ווי דערנידעריקט מען זיך און יענעם מיט רכילות און שאנטאזש, מיט חניפה און לאבוסטווע — אלץ איז דאך כשר אח הייליק פאר דעם צוועק, און פארוואס זאל דאס איינפאכע קויף־מיטל פון „כסף וזהב״ נישט זיין כשר פאר א „ייד א גביר״? ווי זאגט אונזער לאבענדיקער שלום־עליכם: פארזעצן די הויזן זאל מען און זיין א גביר.

* * *

מיר ווינטשן די חברים אין פאריז צו זייער אפפארן קיין ארגענטינע א צאתכם לשלום, און אז עס זאל שוין זיין דער לעצטער „ויסער״ און דארטן — אין א געזונטן ישוב פון יידן, וואס לעבן מיט דער יידישער ליטעראטור און קולטור און וואס זייערע קינדער ווערן דערצויגן אין אונזער יידיש לשון און אויף יידישע גייסטיקייט — זאלן זיי שוין געפינען דאס אמתע שטיקל מנוחה צו זייער שאפן. נאך אזוי פיל טרדות און נע־ונד זיין, מעג זיי שוין דאס ביסלע רו באשערט זיין!

אויך דא ביי אונז אין לאנדאן צעפארט מען זיך: מאנגער נאך אמעריקע, קעניג נאך ישראל, ארושיצער נאך קאנאדע — —

וואלט נישט געווען שוין די העכסטע צייט, אז די צוויי ישובים אין אייראפע, לאנדאן און פאריז, אזוי נאענט אין שכנות — שפרינג איבערן וואסער! — זאלן פארטראכטן א בשותפות פלאן פון ארבעט, וואס זאל זיין א הילף פאר די שאפערישע און גייסטיקע מענטשן פון ביידע לענדער — „כי טובים השנים מן האחד״, האט דאך שוין דער „חכם מכל אדם״ געזאגט אמאל.

אויב יעדער פון אונז וועט וועלן זיין א וויי־חכם, אן איבער־חכם וועט טאקע נישט טויגן. עס איז פאראנען א מעגלעכקייט, עס איז פאראנען א פעלד — מיר מוזן עס נאר באארבעטן, מיט סיסטעמטישקייט, מיט גוטן ווילן און מיט אויסדויער — עס ליגט אין אונזערע אייגענע הענט.

ש.

## לאנדאנער ידיעות

משה עובד האט דורכגעמאכט א שווערע קראנקהייט מיט אן אפעראציע. מיט צופרידנקייט קאנען מיר מיטטיילן, אז עס גייט אים שוין בעסער. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה.

דר. אליהו אלשוואנגער, האט פארגאנגענעם חודש פארלאזט לאנדאן, זיך צו באזעצן אין ניו יארק. ביי א גלעזל טיי, ביי פריינט עלענבערג, איז געפראוועט געווארן א צאתכם לשלום.

דר. יעקב מייטליס, וועלכער איז אַרויסגעפאָרן אויף אַ לענגערע צייט אין נאָמען פון קרן קימת אין אַ ריי איראָפּייאישע לענדער, איז אויפגעטרעטן אין בעלגיע און דער שווייץ מיט אַ סעריע פּאָליטישע און ליטעראַרישע רעפעראַטן. אין ציריך האָט ער אויך גערעדט ביים פּרץ פאַראיין וועגן די דראַמאַטישע שאַפונגען פון י. ל. פּרץ.

• • •

דער יידישער זשורנאַליסטן פאַראיין האָט געגעבן אַ גלעזל טיי לכבוד אַ יאָר „יידישע שטימע" אין לאָנדאָן.

• • •

אַ בוך קורצע דערציילונגען און סקיצן פון י. ל. פּרץ איז דערשינען דעם חודש אין מנורה פאַרלאַג.

• • •

דער באַרימטער חזן יעקב גאָלדשטיין איז געקומען אויף אַ באַזוך אין לאָנדאָן. ביי זיינעם אַ קאָנצערט, וווּ ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם פון עולם, האָט ער צווישן אַנדערע אויך געזונגען לידער פון לייוויק, צייטלין א. אַ.

• • •

„פריינט פון יידיש לשון" וועסטענד בראַנטש האָט געפּראַוועט אַ ליטעראַרישן אָוונט ביי אַ גלעזל טיי, וווּ פריינט לעמעל האָט געפירט דעם פאַרזיץ.

• • •

אין לאָנדאָן איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן די אראָפּעאישע סעסיע פונם יידישן וועלט קאָנגרעס. דר. א. שטיינבערג האָט גערעדט וועגן די אויפגאַבן פון דער יידישער קולטור.

• • •

א. אָרזשיצער איז אָפּגעפאָרן קיין קאַנאַדע זיך דאָרט צו באַזעצן.

• • •

די אַנאַרכיסטישע גרופּע אין לאָנדאָן האָט ביי אַ גלעזל טיי אויפגענומען אַ חשובן גאַסט פון קאַליפאָרניע, ח. סיראָרסקי, אויף זיין צוריקרייזע פון ישראל. סעם דרין האָט געפירט דעם פאַרזיץ.

• • •

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער רינג אין לאָנדאָן, מר. ווינער, האָט צו זיינע 70 יאָר טראַגיש פאַרענדיקט דאָס לעבן.

• • •

דאָס לאָנדאָנער אַקטיאָרן ־ פּאָרל סעם גאָלדבערג און אַלין ווינאָגראַד זיינען לעצטנס אויפגעטרעטן אין פּאַריז.

• • •

פרייטיק, דעם 22־טן יוני, האָט מאַרטע ראָבערט אין דער בי־בי־סי איבערגעגעבן אַ באַריכט איבער אירע איינדרוקן אין לאָנדאָנער יידיש טעאַטער, גרענד פּאַליי, ווייטשעפּל, וווּ עס גאַסטראָלירט איצט דאָס קינסטלער־פּאָרל רענע גליקסמאַן און זלמן קאַלעסניקאָוו.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

(אין בערנאַרד־באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

שבת, דעם 5־טן יולי—אַ גרוס פון ישראל: בעטי בלום.

שבת, דעם 12־טן—די ביאַליק און הערצל יאָרצייט: שלמה אויערבאַך און יוסף פרענקל.

שבת, דעם 19־טן, דיסקוסיע איבער שלום אַש—אליהו פּאָלושאַק און מ. מינדל.

שבת, דעם 26־טן—דער טראַדיציאָנעלער שבת חזן.



TOWER HAMLETS LIBRARIES

„פריינט פון יידיש לשון"

דינסטיק, דעם 15־טן יולי, 7.30

אדלער האל, אדלער סטריט, א.1

א באנקעט

לכבוד דעם 150־טן נומער „לשון און לעבן"

באגריסונגען און רעציטאציעס ביי געדעקטע טישן

5 שילינג.

„פריינט פון יידיש לשון"

פאַראַנשטאַלטן אַ ליטעראַרישן אָוונט געווידמעט דעם שאַפן פונם גרויסן יידישן און העברעאישן דיכטער **חיים נחמן ביאַליק**, דאָנערשטיק, דעם 17־טן יולי, 7.30 אין אָוונט אינם זאַל פון דער האיגייט סינאַגאָג, אָרטשווויי, צפון־לאָנדאָן.

עס וועלן אָנטייל נעמען: דר. חיים סטענגהויז, אליהו פּאָלושאַק, יהודה ביעטש, נעט רובין, רחל מירסקי און רחל דון־יחיא. פאַרזיצער וועט זיין א. נ. שטענצל.

אַ גליקלעכע רייזע פון **מארקס קאהען** צו **כאנטשע**, די פרוי פון מר. סוקעניק, וועלכע פאָרט נאָך ישראל. זי זאָל דאָרט טרעפן איר משפחה אין בעסטן געזונט און צוריקקומען בשלום צו איר מאַן געזונטערהייט.

אַ דרך צלחה פאַר חברטע **שרה פרידלאנד** צו איר אָפּפאָר אויף אַ באַזוך קיין ישראל. רחל דון־יחיא.

## ווייטערדיקע יובל־באגריסונגען

מיט גרויס פרייד שיק איך מיין וואַרעמע באַגריסונג צום דערשיינען פונם 150־טן נומער „לשון און לעבן". ה. ספירא.

פריינט פון באַגריסט דעם 150־טן נומער פון „לשון און לעבן".

צום דערשיינען פון 150־טן נומער „לשון און לעבן" ווינטש איך אייך ווייטערדיקן דערפאָלג. מרס. סאָבאָטשניק.

איך באַגריס דאָס דערשיינען פונם 150־טן נומער „לשון און לעבן" און ווינטש גרויסן דערפאָלג. ד. ראָדזאַחיטש.

אַ האַרציקע באַגריסונג צום דערשיינען פון 150־טן נומער „לשון און לעבן". דזשאָני האָט.

עס פרייט מיך צו באַגריסן די דערשיינונג פון 150־טן נומער „לשון און לעבן". מינאַ קאָרב.

צוליב מאַנגל אין פּלאַץ קומען די ווייטערדיקע באַגריסונגען אין קומענדיקן זשורנאַל און נאָך באַגריסונגען וועלן אָנגענומען.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 9־8 (העפט 2־151) דרייצנטער יאָרגאַנג אויגוסט־סעפּ. 1952 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:


| | | |
|---|---|---|
| אַ ברוך־שטיק פון אַ סך הכל — תשי״ג, פאַר כל נדרי, י״ג מידות של רחמים | ** | 1 |
| ראש־השנה אין זיין אַנטוויקלונג (אַ היסטאָרישע באַטראַכטונג) | דר. יעקב י. מייטליס | 3 |
| אַ תפילה (ליד) | שמואל חהייט | 7 |
| אלול־מאַטיו (פּאָעמע) | ש. זאַלקין | 8 |
| אלול־שטימונג (ליד) | נתן גוטער | 8 |
| די צווייטע העלפט דעצעמבער 1944 אין דאָרף ביי גריצע | מיכל זילבערבערג | 9 |
| אין אַ יידישער ביבליאָטעק אין מעלבורן (פּאָעמע) | יאָסל פּירשטיין | 12 |
| דער צופאַל (דערציילונג) | יהודה ביעטש | 13 |
| פון יידישן לעבן אין ישראל (מיניאַטורן אין פּערז) | יוסף פּערלשטיין | 19 |
| עתיקו, דער קאַטער | רקודה פּאָטאַש | 20 |
| מיין „האַלידיי״ אין ועסטקליף (פעליעטאָן) | י. ל. פיין | 23 |
| קליינע גרויס־שטאָט באַלאַדעס | א. נ. שטענצל | 26 |
| ליידנשאַפטן און די ליידן פון שאַפן (עסיי) | נ. מ. סידאָ | 30 |
| ביי מיין עמוד (גאַסט־צן) | ש. י האַרענדאָרף | 34 |
| אַ בריוו פון הערצל | יוסף סרענקל | 38 |
| זעליק מאַזור דער פּעדאַגאָג און שול־לידער דיכטער | יוסף הלל לעוי | 40 |
| אַוועק אַ שטיק יידיש לעבן (דעם אָנדענק פון דאָראַ דימאַנט ע״ה) | אייזיק גאָלדבערג | 42 |
| אייפן פרישן קבר פון דר. הערמאַן פראַנק | אהרן ר. ראַלין | 43 |
| באַגריסונג צום 35־יאָריקן בינע־יובל פון יצחק קרעלמאַן | בן־ציון מרגליות | 44 |
| צו דער אויסשטעלונג אין דער טייט גאַלעריע, לעאָן קאָסאָף | ש. | 45 |
| אַ צייכנונג | לעאָן קאָסאָף | 46 |
| קולטור באַריכט | | 47 |
| יידישע קולטור־ידיעות | | 47 |
| מיטטיילונגען פון חייטערע שבת נאָכמיטאָגס | | 48 |


**פּרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אַבאָנעמענט־פּרייז 19/6 — פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד — 5 דאָלאַר אַ יאָר**

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

has a great demand for old jewels (for Home and Export Trade) and is in a position to give good prices for valuable Gems and jewels of every kind.

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum 0401*

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

— 100 יאָר —

**יצחק לייבוש פרץ**

דערציילונגען, סקיצן און בילדער

דער „מנורה״ פאַרלאַג, לאָנדאָן, איז מודיע אַלע יידישע פאַרערערס פון דעם גרויסן פּראָזע מייסטער, אַז דעם 15־טן יולי ה. י. דערשיינט אַ ספּעציעלע אויסגאַבע לכבוד דעם הונדערטסטן געבוירנטאָג פון דעם פאָטער פון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור. עס איז אַ לוקסוס אויסגאַבע, פאַרזען מיט אַ זעלטענעם פּאָרטרעט פון י. ל. פרץ און מיט אַן אַריינפירוואָרט פון שרייבער י. ח. קלינגער. דער פּרייז פון בוך איז ניט מער ווי 3/9. מיט באַשטעלונגען ווענדט זיך צו:

S. Halpern's Menorah Book Service, 40 Monson Road, N.W.10.

Tel.: ELGar 6443.

*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*